STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09163

DI VERK

Edgar Allan Poe

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די ווערק

פון

עדגאר עלען פּאו

צווייטער באַנד

עדגאַר עלען פאָו

עסייען און לידער

איבערזעצט פון ענגליש פון י. קיסין

אַרויסגעגעבען פון פערלאַגג „אידיש“
1919 ניו יאָרק תרע"ט

Copyright 1919
By
JEWISH BOOK AGENCY, Inc.

עסעיען

דער גרונדפרינציפ אין פאעזיע

ריידענדיג וועגען דעם פרינציפ אין פאעזיע, האב איך ניט די אבזיכט צו זיין אויספיהרליך אדער טיף, אזוי ווי איך אונטערזוך דא גאנץ צופעליג דעם עצם פון דעם, וואס מיר רופען אן פאעזיע, וועט מיין הויפט ציעל זיין אויפצונעמען און באטראכטען איניגע קלענערע ענגלישע אדער אמעריקאנער פאעמען, וואס זיינען אם מעהרסטען נאך מיין געשמאק, אדער וואס האבען איבערגעלאזען דעם בעשטימטסטען איינדרוק אויף מיין איינענע פארשטעלונג. ריידענדיג וועגען „קלענערע פאעמען", מיין איך נאטירליך אזעלכע, וואס זיינען ניט לאנג. און ערלויבט מיר דא אין אנהויב צו זאגען א פאר ווערטער וועגען דעם אביסעל אונגעוועהנליכען, זאנדערבארען פרינציפ, וואס האט אלעמאל באאיינפלוסט מיין אייגענע קריטישע אבשאצונג פון א פאעמא. איך האלט, אז א לאנגע פאעמא איז נאר ניטא. די פראזע „א לאנגע פאעמא" איז אין מיין מיינונג, אן איינפאכער ווידערשפרוד אין טערמינען.

איך דארף דא קוים באמערקען, אז א געדיכט פארדיענט דעם נאמען נאר דאן, ווען עס רעגט אויף, דערהויבענדיג די נשמה. דער ווערט פון א געדיכט איז אין א דירעקטער באציהונג צו אט דער דערהויבענדער אנרעגונג. אבער אלע אנרעגונגען זיינען, צוליעב א פסיכישער נויטווענדיגקייט, פארגענגליך. יענע מאס פון רעגונג, וואס ניט א געדיכט דאס רעכט אויף דעם נאמען, קען ניט אנגעהאלטען ווערען דורך א גאר לאנגע קאמפאזיציאן. און העכסטענס נאך א האלבער שעה נעמט די אנרעגונג ווערען שוואכער, מאטער, דאן קערט זיך די אויפמערקזאמקייט אפ, און דאס געדיכט איז פאקטיש קיין געדיכט ניט.

פאר א סך מענשען איז אהן צווייפעל געווען שווער צו פאראייניגען דאס קריטישע געזעץ, אז מילטאן'ס "Paradise Lost"

דאַרף פון אַנהויב ביז'ן סוף פאַרעהרט און פאַרגעטערט ווערען, מיט דער אבסאָלוטער אונמעגליכקייט אַנצוהאַלטען אין שטודיום די מאָס ענטוזיאַזם, וואָס דאָס קריטישע געזעץ וואָלט פאַרלאַנגט. אין דער אמת'ען דאַרף מען באַטראַכטען דאָס גרויסע ווערק פאַר פּאָעטיש נאָר דאַן, ווען מיר לעגען אָפּ אַן א זייט יענעם נויטיגסטען פאַרבאַדינגג פון אַלע קונסטווערק, איינהייט, און קוקען אויף דאָס געדיכט נאָר ווי אויף א רייה קלענערע פּאָעמען. ווען מיר לעזען דאָס געדיכט אין איין זיצונג, ווי דאָס וואָלט זיך געפאָדערט, אום אַנצוהאַלטען די איינהייט, די גאַנצקייט פון ווירקונג אָדער איינדרוק, וועט דער רעזולטאַט זיין, אַז נאָך יעדער אויפרעגונג וועט קומען אַן איינדרוקלאָזער אָרט, און אזוי אין א לאַנגער רייה ביז צום סוף. נאָך א טייל, וואָס מיר וועלען אויפנעמען ווי אמת'ע פּאָעזיע, קומט אומפאַרמיידליך א טייל פון אַזעלכע פלאַכקייטען, וואָס קיין פאַראויסבאַשטימטער קריטישער אורטייל קען אונז ניט צווינגען צו פאַרעהרען. ווען אָבער מיר ענדיגען דאָס ווערק און נעמען דאָס ווידער לעזען, און מיר לאָזען אויס דאָס ערשטע בוך, דאָס הייסט, מיר הויבען אָן מיט דעם צווייטען, וועלען מיר ווערען ערשטוינט איינצוזעהן, אַז מיר פאַרעהרען דאָס, וואָס מיר האָבען פריהער פאַראורטיילט, און מיר פאַראורטיילען דאָס, וואָס מיר האָבען פריהער פאַרעהרט. דער שלום פון דעם אַלעם איז, אַז די לעצטע גאַנצע אָדער אבסאָלוטע ווירקונג פון אפילו דעם בעסטען עפּישען געדיכט אויף דער וועלט איז גאָרנישט, און אזוי איז דאָס טאַקי.

וואָס אַנבאַטרעפט די איליאַדע, האָבען מיר, אויב ניט גענינענדע באַווייזען, איז ווענינסטענס א זעהר גוטען גרונד צו גלויבען, אַז די אַבזיכט איז דאָ געווען א רייה פון קליינע לירישע פּאָעמען. אָבער אַננעמענדיג אפילו, אַז די אַבזיכט איז דאָ געווען אַן עפּיש געדיכט, קען איך נאָר זאָגען, אַז דאָס ווערק איז באַזירט אויף אַן אונפאָלקאָמען באַגריף פון קונסט. דאָס מאָדערנע עפּישע געדיכט איז נאָר אַן אונאיבערלעגטע און בלינדע נאָכאַהמונג פון דעם אונעכטען מוסטער פון אַלטערטום. אָבער די צייט פון אַזעלכע קינסטלערישע אונרעגעלמעסיגקייטען איז פאַראיבער. אויב א וועלכע עס איז זעהר לאַנ־

גע פּאָעמאַ איז ווען עס איז ג ע ו ו ע ז ן ווירקליך פּאָפּולער, — און איך צווייפֿעל אין דעם, — איז אָבער יעדענפֿאלס קלאָר, אַז מעהר וועט שוין קיין זעהר לאַנגע פּאָעמאַ ניט זיין פּאָפּולער.

אַז די לענג פֿון א פּאָעטישען ווערק איז די מאָס פֿון זיין ווערט איז, אין אַט דער פֿאָרמולירונג, אָהן צווייפֿעל א גענוג קלאָרער אַבּסורד, און דאָך געפֿינען מיר אַזאַ באַהויפּטונג אין די „קוואָרטערלי רעוויוס“. עס קען דאָך זיכער גאָרניט זיין אין דער מאָס, — אין דעם אַבּסטראַקטען זין, — אין דער גרויס פֿון א באַנד, וואָס זאָל אַזוי אונאויפהערליך ארויסרופֿען ענטציקונג פֿון אַט די סאַטורנישע פּאַמפלעטען! א בארג קען נאַטירליך מיט זיין פיזישער גרויס ארויסרופֿען א געפֿיהל פֿון ערהאַבענקייט, אָבער אויף קיין מענשען וועט ניט מאַכען אַזאַ איינדרוק אפילו די מאַטעריעלע גרויסקייט פֿון אַזאַ ווערק, ווי "The Columbiad". אפילו די „קוואָרטערלים“ האָבען אונז ניט געלערענט צו באַקומען אַזאַ איינדרוק. ב י ז א י צ ט זיינען זיי נאָך ניט ב א ש ט א נ ע ן אויף דעם, מען זאָל אָפּשאַצען לאַמאַרטין’ען נאָכ’ן קובישען פֿוס, אָדער פּאָלאָק’ען נאָכ’ן פֿונט: אָבער צו וועלכען אַנדערען שלוס קענען מיר קומען נאָך זייער שטענדיגער פּלוידעריי וועגען „דויערענדער אַנשטרענגונג“? אויב עמיצער וועט מיט אַזאַ „דויערענדער אנשטרענגונג“ פֿאַרפֿאַסען אַן עפּיש געדיכט, איז זאָלען מיר זיין אויפֿריכטיג און לויבען איהם פֿאַר זיין מיה, — אויב דאָס איז ווירקליך אַזאַ לויבענסווערטע זאַך, — אָבער מיר דאַרפֿען זיך צוריקהאַלטען פֿון לויבען דאָס געדיכט צוליעב דער מיה, וואָס ער האָט דאַ פֿאַרווענדט. לאָמיר האָפֿען, אַז דער געזונטער פֿאַרשטאַנד וועט אַמאָל קומען צום שלוס, אַז עס איז גלייכער צו ענטשיידען וועגען א קונסטווערק נאָך דעם איינדרוק, וואָס עס מאַכט, נאָך דעם עפֿעקט, וואָס עס ברענגט ארויס, ניט נאָך דער צייט, וואָס האָט זיך געפֿאָדערט ארויסצוברענגען דעם עפֿעקט, אָדער נאָך דער מאָס פֿון „דויערענדער אנשטרענגונג“, וואָס מען האָט געפֿונען פֿאַר נויטיג אין ארויסברענגען דעם עפֿעקט. דער אמת איז, אַז אויסדויער איז איין זאַך, און געניאַליטעט איז גאָר אַנאַנדער זאַך, און קיינע „קוואָרטערלים“ אויף דער

וועלט וועלען די צוויי זאַכען ניט קענען צומישען. מיט דער צייט וועט אָט דער אמת, צוזאַמען מיט א סך אַנדערע, וואָס איך האָב אָנגעוויזען און באַטאָנט, אָנגענומען ווערען ווי א זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַך. דערווייל אָבער, זייענדיג פון אַלעמען אומעטום פאַראורטיילט ווי פאַלשקייטען, וועלען זיי אין עצם ניט פאַרלעצט ווערען ווי וואַרהייטען.

עס קען אָבער אויך געשעהן, אַז א פּאָעמע זאָל זיין צו קורץ. אונגעהעריגע קורצקייט פאַלט אַראָפּ צו איינפאַכען עפּיגראַמאַטיזם. א ז ע ה ר קורצע פּאָעמע וועט אפשר צייטענווייז געבען א גלענצענדען אָדער לעבעדיגען עפעקט, וועט אָבער קיינמאָל ניט פּראָדוצירען קיין טיפען עפעקט. פאַר א טיפען איינדרוק איז נויטיג דער פּאַסיגער מעטאָד, די פּאַסיגע פאָרם. דע בעראַנזשע האָט ארויסגעבראַכט אָהן א צאָהל שאַרפע און באַוועגענדע זאַכען, אָבער בכלל זיינען זיי געווען צו איבערפלעכליך, צו קענען זיך אריינקריצען טיף אין די עפענטליכע אויפמערקזאַמקייט, און אויף אַזאַ אופן זיינען זיי, ווי פעדערען פון פאַנטאַזיע, ארויפגעפלויגען אין דער הויך און פאַרטראָגען געוואָרען מיט'ן ווינט.

א מערקווירדיגער ביישפּיל פון דער ווירקונג פון אונגעהעריגער קורצקייט צו פאַרפלאַכען א פּאָעמע און מאַכען עס אונפּאָפּולער האָבען מיר אין דער פאָלגענדער פיינער קליינער סערענאַדע :

I arise from dreams of thee
    In the first sweet sleep of night,
When the winds are breathing low,
    And the stars are shining bright.

I arise from dreams of thee,
    And a spirit in my feet
Has led me—who knows how?—
    To thy chamber-window, sweet!

The wandering airs they faint
    On the dark the silent stream—

The champak odors fail
    Like sweet thoughts in a dream;

The nightingale's complaint,
    It dies upon her heart,
As I must die on thine,
    O, beloved as thou art!

O, lift me from the grass!
    I die, I faint, I fail!
Let thy love in kisses rain
    On my lips and eyelids pale.

My cheek is cold and white, alas!
    My heart beats loud and fast:
O, press it close to thine again,
    Where it will break at last!

זעהר ווענוג מענשען אפשר זיינען באַקאַנט מיט אָט די שורות, דאָך איז ניט קיין קלענערער פּאָעט ווי שעלי דער אויטאָר. די וואָרימע, דאָך צאַרטע און לופטיגע פאַנטאַזיע אין דעם ליעד וועלען אלע אָפּשאַצען, אָבער קיינער ניט אזוי טיף, ווי דער, וואָס האָט אליין ערוואַכט פון זיסע טרוימען וועגען אַ געליעבטער צו פאַרלירען זיך אין דער דופטיגער לופט פון א זידליכער נאַכט אין מיטען זומער.

איינס פון די פיינסטע ליעדער פון ווילים, דאָס גאָר בעסטע, אין מיין מיינונג, וואָס ער האָט ווען עס איז אָנגעשריבען, האָט, אַ דאַנק אָט דעמזעלביגען חסרון פון אונגעהעריגער קורצקייט, ניט פאַרנומען דעם פּאַסיגען אָרט, סאַי אין דער קריטישער, סאַי אין דער אַלגעמיינער אָפּשאַצונג:

The shadows lay along Broadway,
    'Twas near the twilight-tide—
And slowly there a lady fair
    Was walking in her pride.
Alone walk'd she; but, viewlessly,
    Walk'd spirits at her side.

Peace charm'd the street beneath her feet,
And Honour charm'd the air;
And all astir looked kind on her,
And called her good as fair—
For all God ever gave to her
She kept with chary care.

She kept with care her beauties rare
From lovers warm and true—
For heart was cold to all but gold,
And the rich came not to woo—
But honour'd well her charms to sell,
If priests the selling do.

Now walking there was one more fair—
A slight girl, lily-pale;
And she had unseen company
To make the spirit quail—
'Twixt Want and Scorn she walk'd forlorn,
And nothing could avail.

No mercy now can clear her brow
From this world's peace to pray,
For as love's wild prayer dissolved in air,
Her woman's heart gave way!—
But the sin forgiven by Christ in Heaven,
By man is cursed alway!

אין אָט דער קאָמפּאָזיציאָן איז שווער פאַר אונז צו דערקענען דעם ווילים, וואָס האָט געשריבען אזוי פיעל „געזועלשאַפטס פּאָעזיע". די שורות זיינען ניט נאָר רייך אין אידעאַליזם, נאָר פול מיט ענער־גיע; און פון זיי אָטעמט אַן ערנסטקייט, אַן אויגענשיינליכע אויפ־ריכטיגקייט פון געפיהל, וואָס מיר וועלען אומזיסט זוכען אין אַלע אַנדערע ווערק פון אָט דעם פּאָעט.

אין דער צייט ווען די עפּישע מאַניא, דער געדאַנק, אַז פּאָעזיע

מוז זיין לאנג, אום צו האבען א ווערט, האט גענומען אין די לעצטע יאהרען ביסלעכווייז אויסשטארבען ביי דעם בריטען עולם, ווייל עס איז א צו אייגענשיינליכער אבסורד, איז אנשטאט דעם געקומען אן אנדער אפיקורסות, וואס איז אפילו צו פאלש, צו קענען לאנג גדולדעט ווערען, וואס האט אבער, מען קען זאגען, אין דער קורצער צייט, וואס זי איז גדולדעט געווארען, אויפגעטאן מעהר צו פארדארבען אונזער פאעטישע ליטעראטור, ווי אלע אנדערע פיינד פון אט דער ליטעראטור צוזאמענגענומען. איך רעד דא וועגען דער אפיקורסות פון דעם ד י ד א ק ט י ק ע ר. עס איז אנגענומען געווארען, שווייגענדיג און אפען, דירעקט און אינדירעקט, אז דער לעצטער ציעל פון פאעזיע איז אמת. יעדעס געדיכט, זאגט מען, דארף האבען אין זיך א מאראל, און נאך אט דער מאראל זאל דער פאעטישער ווערט פון דעם ווערק אפגעשאצט ווערען. מיר, אמעריקאנער, האבען באזונדערס פאטראניזירט אט דעם געדאנק, און מיר, באסטאנער, האבען גאר באזונדערס ענטוויקעלט איהם. מיר האבען זיך אריינגענומען אין קאפ, אז אנצושרייבען א געדיכט איינפאך צוליעב דעם געדיכט אליין און ערקלערען, אז דאס איז געווען אונזער אבזיכט, וואלט געהייסען צוגעבען, אז עס פעהלט אונז דורכאויס אמת'ע פאעטישע ווירדע און קראפט. דער איינפאכער אמת איז, אז ווען מיר וואלטען זיך נאר ערלויבט אריינצוקוקען אין אונזערע אייגענע נשמות, וואלטען מיר באלד איינגעזעהן, אז אויף דער וועלט איז ניטא און קען ניט זיין קיין ווערק, וואס איז מעהר ווירדיג, מעהר ערהאבען, ווי אט דאס געדיכט, א געדיכט, וואס איז נאר א געדיכט און מעהר קיין זאך ניט, א געדיכט, וואס איז אנגעשריבען געווארען צוליעב דעם געדיכט אליין.

פיהלענדיג אזא טיפע אכטונג צום אמת, ווי די, וואס האט ווען עס איז געקענט באגייסטערען א מאן'ס הארץ, וואלט איך פונדעסטוועגען באשרענקט ביז א געוויסען גראד די ארטען פון ווירקונג פון דעם אמת. איך וואלט זיי באשרענקט, אום זיי צו מאכען שטארקער. איך וואלט ניט געוואלט זיי צוּוואַרפען אין אלע זייטען און דורכדעם זיי אפשוואכען. די פאדערונגען פון אמת זיינען שטרענג.

ער ווייס ניט פון קיין סימפּאַטיע פאַר מירטען. גראַד דאָס, וואָס איז אַזוי נויטיג אין א ליעד, איז דאָס, מיט וואָס דער אמת האָט גאָר ניט צו טאָן. עס וואָלט דאָך געווען א נאַרישער פּאַראַדאָקס צו באַ־פּוצען דעם אמת מיט ציערונגען און בלומען. דורכפיהרענדיג דעם אמת, דאַרפען מיר האָבען מעהר שטרענגקייט, ווי א בלומיגע שפּראַך. דאָ מוזען מיר זיין איינפאַך, שאַרף, גענוי. מיר מוזען זיין קיהל, רוהיג, ליידענשאַפטסלאָז. מיט איין וואָרט, מיר מוזען זיין אין יע־נער שטימונג, וואָס איז גראַד דער היפוך פון דער פּאָעטישער. און דער איז ווירקליך בלינד, וואָס קען ניט איינזעהן דעם ראַדיקאַלען און אבגרונד־טיפען אונטערשיד צווישען די ווירקונגס אַרטען פון פּאָעזיע. און דער איז האָפנונגסלאָז משוגע אויף טעאָריען, וואָס וועט, ניט קוקענדיג אויף אַט די אונטערשידען, זיך איינשפּאַרען און וועלען פאַראייניגען די אונפאַראייכבאַרע אוילען און וואַסערען פון פּאָעזיע און אמת.

איינטיילענדיג די גייסטיגע וועלט אין די דריי אויגענשיינליכ־סטע טיילען, האָבען מיר דעם ריינעם אינטעלעקט, דעם געשמאַק און דעם מאָראַלען זין. איך שטעל דעם געשמאַק אינמיטען, ווייל דאָס איז דער אָרט, וואָס ער פאַרנעמט אין גייסט. מיט די צוויי עקסטרע־מען איז דער געשמאַק אינטים פאַרבונדען; אָבער פון דעם מאָראַ־לען זין איז ער אָפּגעטיילט דורך אַזאַ שוואַכען אונטערשיד, אַז אַרים־טאָטעל האָט גאָר ניט געקלערט און האָט אריינגערעכענט אייניגע אויסדרוקען פון דעם געשמאַק צווישען די טוגענדען. פונדעסטוועגען געפינען מיר, אַז די פונקציאָנען פון דעם טריאָ זיינען דעפינירט גענוג קלאָר און שאַרף. פונקט ווי דער אינטעלעקט באַשעפטיגט זיך מיט דעם אמת, אַזוי אינפאָרמירט אונז דער געשמאַק וועגען דער שעהנ־הייט, און דער מאָראַלער זין רעדט צו אונז וועגען פליכט. און ווען דאָס געוויסען לערענט אונז וועגען די פאַרפליכטונגען, און דער פאַר־שטאַנד — וועגען דער צוועקמעסיגקייט, שטעלט זיך דער געשמאַק צופרידען מיט דעם, וואָס ער ווייזט אַרויס דעם צויבער, דעם רייץ פון זאַכען, און אויב ער ערקלערט קריעג דער זינד, איז דאָס נאָר צוליעב איהר העסליכקייט, צוליעב דעם, וואָס זי לייקענט אָפּ פּראָ־

פאַרץ און איז פיינדליך צו דעם, וואָס איז פּאַסיג, געהעריג, האַרמאָניש, מיט איין וואָרט, צו שעהנהייט.

אַן אונשטערבליכער אינסטינקט, וואָס ליגט טיף אין דער גייסט פון מענשען, איז אויף אַזאַ אופן דער זין פאַר שעהנהייט. אַט וואָס עס ברענגט דעם מענשען זיין פרייד און ענטציקונג אין די פיעלפאַכע פאָרמען, קלאַנגען, ריחות און געפיהלען, צווישען וועלכע ער לעבט. און פונקט ווי די ליליע ווערט ווידערהאָלט אין דעם וואַסער, אָדער די אויגען פון אַמאַרילים אין דעם שפּיגעל, אַזוי איז אויך די איינפאַכע מינדליכע אָדער געשריבענע ווידערהאָלונג פון אַט די פאָרמען און קלאַנגען און פאַרבען און ריחות און געפיהלען אַ דאָפּעלטער קוואַל פון ענטציקונג. אָבער אַט די איינפאַכע ווידערהאָלונג איז ניט פּאָעזיע. דער וואָס וועט איינפאַך זינגען וועגען די פאָרמען, די קלאַנגען, די ריחות, די קאָלירען, די געפיהלען, וואָס באַגריסען איהם צוזאַמען מיט דער גאַנצער מענשהייט, מעג זיין ענטוזיאַזם זיין ווי גליהענד, און מעג זיין באַשרייבונג זיין ווי וואָהר און לעבעדיג, וועט ער נאָך אַלץ ניט האָבען באַוויזען זיין רעכט אויף דעם געטליכען טיטעל. אין דער ווייט וועט נאָך אַלץ זיין עפּעס, וואָס ער האָט ניט געקענט דערגרייכען. עס איז נאָך אַלץ פאַראַן אַן אונשטילבאַרער דורשט, צו שטילען וועלכען ער האָט אונז ניט געוויזען די קריסטאַלענע קוואַלען. אַט דער דורשט געהערט צו דער אונשטערבליכקייט פון מענשען. דאָס איז צו דערזעלבער צייט אַ רעזולטאַט און אַן אָנווייזונג פון זיין אייביגער עקזיסטענץ. דאָס איז דאָס שטרעבען פון דער מאָט צו אַ שטערן. דאָס איז ניט נאָר אַן אָפּשאַצונג פון דער שעהנהייט פאַר אונז, נאָר אַ ווילדער דראַנג צו דערגרייכען די שעהנהייט איבער אונז. באַגייסטערט פון אַן עקסטאַטישען פאָראויסוויסען פון די הערליכקייטען אויף יענער זייט פון קבר, מאַכען מיר גרויסע אָנשטרענגונגען דורך פיעלפאַכע קאָמבינאַציאָנען צווישען די זאַכען און געדאַנקען פון צייט צו דערגרייכען אַ טייל פון יענער ליעבליכקייט, וועמעס עלעמענטען האָבען אפשר אַ באַציהונג נאָר צו דער אייביגקייט. און ווען מיר וויינען, דורך פּאָעזיע, אָדער דורך מוזיק, די באַצויבערענדסטע פון אַלע פּאָעטישע

שטימונגען, ווײַנען מיר דאן, ניט ווי דער אבאט גראווינא מײנט, צוליעב אן איבערפלוס פון פארגניגען, נאר צוליעב א געוויסען פרעכען, אונגעדולדיגען וועה, וואס מיר קענען ניט אננעמען א י צ ט, אינגאנצען, דא אויף דער ערד, אײנמאל פאר אלעמאל, יענע געטליכע און ענטציקענדע פריידען, פון וועלכע מיר באקומען, דורך דאס געדיכט אדער דורך די מוזיק, נאר א קורצען און אונבאשטימטען אפשיין.

דאס שטרעבען צו באגרייפען די העכערע ליעבליכקייט, — אט דאס שטרעבען פון נשמות, וואס זײַנען פאר דעם געהעריג באשאפען געווארען, — האט געגעבען דער וועלט דאס, וואס די וועלט האט ווען עס איז געקענט באגרייפען און פ י ה ל ע ן ווי פאעזיע.

דאס פאעטישע געפיהל קען, נאטירליך, זיך ענטוויקלען אין פארשידענע ארטען, — אין מאלעריי, אין סקולפטור, אין ארכיטעקטור, אין טאנצען, גאנץ באזונדערס אין מוזיק, און אויף א גאר באזונדערען אופן, און מיט א ברייטען פעלד אין דער קאמפאזיציאן פון דעם לאנדשאפט גארטען. אונזער איצטיגע טעמא אבער איז באשרענקט אויף די אויסדרוקען פון דעם פאעטישען געפיהל אין ווערטער. און ערלויבט מיר דא צו זאגען עטליכע ווערטער וועגען דעם ריטם. באנוגענדיג זיך מיט דער זיכערהייט, אז מוזיק, אין איהרע פארשידענע ארטען פון מעטער, ריטם און ריים, איז אזוי אונגעהויער וויכטיג אין פאעזיע, אז זי קען קיינמאל ניט צוריקגעוויזען ווערען פון א פארנינפטיגען גרונד ; אז זי איז אזא נויטיגער צוגאב, אז דער איז איינפאך נאריש, וואס וועט זיך ניט באנוצען מיט איהר הילף, — וועל איך זיך איצט דא ניט אפשטעלען צו ערקלערען איהר אבסאלוטע וויכטיגקייט. אפשר אין מוזיק דערגרייכט די נשמה אם נאהנטסטען דעם גרויסען ציעל, צו וועלכען זי שטרעבט, ווען זי ווערט באגייסטערט פון דעם פאעטישען געפיהל, — די באשאפונג פון העכערער שעהנהייט. עס ק ע ן טאקי זײַן, אז פון צייט צו צייט ווערט דא דער ערהאבענער ציעל ו ו י ר ק ל י ך דערגרייכט. אפטמאל מוזען מיר דערפיהלען, מיט א ציטער פון ענטציקונג, אז פון אן ערדישער הארף ווערען ארויסגעצויגען טענער, וואס ק ע נ ע ן נ י ט זײַן

אונבאקאנט פאר די מלאכים. אויף אזא אופן קען מען קוים צווייפלען, אז אין דער פאראייניגונג פון פאעזיע און מוזיק איז דעם פאפארערען זין וועלען מיר געפינען דאס ברייטסטע פעלד פאר דער פאעטישער ענטוויקלונג. די אלטע בארדען און מינעזינגער האבען נעהאט פארטיילען, וואס מיר האבען ניט, און טאמאס מור, זינגענדיג זיינע איינענע ליעדער, האט אויף דעם לעניטימסטען אופן זיי פארפאלקאמט ווי פאעמען.

איצט וועל איך רעזומירען: איך וואלט דעפינירט קורץ די פאעזיע פון ווערטער ווי ד י ר י ט מ י ש ע ב א ש א פ ו נ ג פ ו ן ש ע ה נ ה י י ט. דער איינציגער ריכטער דא איז געשמאק. מיט דעם אינטעלעקט אדער מיט דעם געוויסען האט דאס נאר זייטיגע באציהונגען. די פאעזיע פון ווערטער האט גארניט צו טאן מיט פליכט אדער מיט אמת, סאידען גאנץ צופעליג.

עס זיינען אבער נויטיג עטליכע ווערטער דאס צו ערקלערען. דאס פארגניגען, וואס איז אין דערזעלבער צייט אי דאס ריינסטע, אי דאס ערהאבענסטע, אי דאס אינטענסיווסטע, קומט צו אונז, אין מיין מיינונג, ווען מען באטראכט דאס שעהנע. נאר אין דער באטראכטונג פון שעהנהייט איז פאר אונז מעגליך צו דערגרייכען יענע אנגענעמע דערהויבונג אדער אויפרעגונג פ ו ן ד ע ר נ ש מ ה, וואס מיר אנערקענען ווי דאס פאעטישע געפיהל, און וואס קען אזוי לייכט אונטערשיידט ווערען פון אמת, דער באפרידיגונג פון פארשטאנד, אדער פון ליידענשאפט, דער אויפרעגונג פון הארצען. איך מאך די שעהנהייט פאר דאס פעלד פון דעם געדיכט, איינפאך ווייל דאס איז אן אויגענשיינליכער רעגעל פון קונסט, אז פאלגען זאלען קומען אזוי דירעקט ווי מעגליך פון זייערע אורזאכען: קיינער איז נאך ניט געווען גענוג פלאך אפצולייקענען, אז די באזונדערע דערהויבונג, וואס מיר באטראכטען דא, קען וועניגסטענס דערגרייכט ווערען א ם ל י י כ ט ס ט ע ן אין דעם געדיכט. מען דארף אבער פון דעם בשום אופן ניט שליסען, אז די אנטריבען פון ליידענשאפט, די פארשריפטען פון פליכט, אדער אפילו די לעהרען פון אמת קענען

ניט אַריינגעפיהרט ווערען אין אַ געדיכט, און ברייננען געוויסע נוצען אַפילו; ווייל זיי קענען אויף פאַרשידענע אופנים דיענען צופעליג די אַלגעמיינע אַבזיכטען פון דעם ווערק. אַבער דער אמת׳ער קינסט־לער וועט אַלעמאָל זעהן אַראָפּצוברענגען זיי צו דער געהעריגער אונ־טערטעניגקייט צו יענער ש ע נ ה י י ט, וואָס איז די אַטמאָס־פער און דער אמת׳ער עצם פון דעם געדיכט.

איך קען בעסער ניט אָנהויבען די עטליכע פּאָעמען, וואָס איך וועל דאָ ברענגען פאר אייער באַטראַכטונג, ווי מיט ציטירען די איינ־ליטונג צו לאָנגפעלאָו׳ס “Waif”:

The day is done, and the darkness
  Falls from the wings of Night,
As a feather is wafted downward
  From an Eagle in its flight.

I see the lights of the village
  Gleam through the rain and the mist,
And a feeling of sadness comes o'er me,
  That my soul cannot resist;

A feeling of sadness and longing,
  That is not akin to pain,
And resembles sorrow only
  As the mist resembles the rain.

Come, read to me some poem,
  Some simple and heartfelt lay,
That shall soothe this restless feeling
  And banish the thoughts of day.

Not from the grand old masters,
  Not from the bards sublime,
Whose distant footsteps echo
  Through the coridors of Time.

For, like strains of martial music,
Their mighty thoughts suggest
Life's endless toil and endeavor;
And to-night I long for rest.

Read from some humbler poet,
Whose songs gushed from his heart,
As showers from the clouds of summer,
Or tears from the eyelids start;

Who through long days of labor,
And nights devoid of ease,
Still heard in his soul the music
Of wonderful melodies.

Such songs have power to quiet
The restless pulse of care,
And come like the benediction
That follows after prayer.

Then read from the treasured volume
The poem of thy choice,
And lend to the rhyme of the poet
The beauty of thy voice.

And the night shall be filled with music,
And the cares that infest the day,
Shall fold their tents like the Arabs,
And as silently steal away.

ביי דעם ניט גרויסען שוואונג פון פּאָעזיע אין אַט די שורו..„ האַט מען זיי אָבער מיט רעכט פאַרעהרט פאַר די פיינקייט פון אויס־דרוק. איינינע בילדער זיינען זעהר איינדרוקספול. קיין זאך קען ניט זיין בעסער, ווי —

——————the bards sublime,
Whose distant footsteps echo
Down the corridors of Time.

דער געדאַנק פון די לעצטע פּאָר שורות איז אויך זעהר איינדרוקספול. דאָס גאַנצע געדיכט אָבער פאַרדיענט פאַרעהרט צו ווערען הויפּטזעכליך פאַר די גראַציעזקייט פון זיין מעטער, וואָס איז אַזוי אין איינקלאַנג מיט דער נאַטור פון די געפיהלען, און באַזונדערס פאַר די ל י י כ ט ק י י ט פון דער אַלגעמיינער מאַניר. אָט די „לייכטקייט“, אָדער נאַטירליכקייט, אין אַ ליטעראַרישען סטיל, איז מען לאַנג געוואוינט געווען צו באַטראַכטען ווי לייכטקייט אין אויסזעהן נאָר, וואָס איז אין דער ווירקליכקייט זעהר שווער צו דערגרייכען. אָבער דאָס איז ניט אַזוי: אַ נאַטירליכע מאַניר איז שווער נאָר פאַר דעם, וואָס דאַרף דאָס קיינמאָל ניט פּרוּאוּוען, — פאַר דעם אוננאַטירליכען. דאָס איז נאָר דער רעזולטאַט פון שרייבען מיט דער פאַרשטענדניס, אָדער מיט דעם אינסטינקט, אַז ד ע ר ט אָ ן, אין קאָמפּאָזיציאָן, דאַרף אַלעמאָל זיין דאָס, וואָס די מענשליכע מאַסע וועט אָננעמען, און מוז, נאַטירליך, שטענדיג וואַריאירט ווערען נאָך די אומשטענדען.

פון די קלענערע פּאָעמען פון ברייענט האָט קיינע ניט געמאַכט אויף מיר אַזאַ איינדרוק, ווי די, וואָס ער רופט אָן "June" איך ציטיר דאָ נאָר אַ טייל:

There, through the long, long summer hours,
    The golden light should lie,
And thick young herbs and groups of flowers
    Stand in their beauty by.
The oriole should build and tell
His love-tale, close beside my cell;
    The idle butterfly
Should rest him there, and there be heard
The housewife-bee and humming bird.

And what if cheerful shouts, at noon,
    Come, from the village sent,
Or songs of maids, beneath the moon,
    With fairy laughter blent?

And what if, in the evening light,
Betrothéd lovers walk in sight
    Of my low monument?
I would the lovely scene around
Might know no sadder sight nor sound.

I know, I know, I should not see
    The season's glorious show,
Nor would its brightness shine for me;
    Nor its wild music flow;
But if, around my place of sleep,
The friends I love should come to weep,
    They might not haste to go.
Soft airs and song, and light and bloom,
Should keep them lingering by my tomb.

These to their soften'd hearts should bear
    The thoughts of what has been,
And speak of one who cannot share
    The gladness of the scene;
Whose part, in all the pomp that fills
The circuit of the summer hills,
    Is—that his grave is green;
And deeply would their hearts rejoice
To hear again his loving voice.

דער שטראָם פון ריטם דאָ איז אפילו וואויל־לוסטיג, וואָלט גאָר ניט געקענט זיין מעהר מעלאָדיש. דאָס געדיכט האָט אַלעמאָל אויף מיר געווירקט אויף אַ באַזונדערען אופן. די אינטענסיווע מעלאַנכאָליע, וואָס שיינט ארויפצוקומען מיט קראַפט צו דער אויבערפלאַך פון אלע מונטערע רעד פון דעם פּאָעט וועגען זיין קבר, רעגט אויף ביז טיף אין דער נשמה, און אין דער אויפרעגונג איז פאַראַן די עכטסטע פּאָעטישע דערהויבונג. דער איינדרוק, וואָס באַקומט זיך, איז אַנגענעמער טרויער. און אויב אין די אנדערע פּאָעמען, וואָס איך וועל דאָ ברענגען, קען מען אַלעמאָל באמערקען אַ מעהר אָדער

װעניגער עהנליכען טאָן, לאָזט מיר אייך דערמאָנען, אז (מיר װייסען ניט װי אזוי אָדער פאַרװאָס) אָט דער שטריך פון אומעט איז אונצוטיילבאַר פאַרבונדען מיט אלע העכערע אויסדרוקען פון שעהנהייט. דאָס איז אָבער —

A feeling of sadness and longing
That is not akin to pain,
And resembles sorrow only
As the mist resembles the rain.

דעם שטריך, װעגען װעלכען איך רייד, קען מען קלאָר דערזעהן אפילו אין א פּאָעמא, װאָס איז אזוי פול מיט גלאַנץ און גייסט, װי "The Health" פון עדװארד קוט פּינקני:

I fill this cup to one made up
Of loveliness alone,
A woman, of her gentle sex
The seeming paragon;
To whom the better elements
And kindly stars have given
A form so fair, that like the air,
'Tis less of earth than heaven.

Her every tone is music's own,
Like those of morning birds,
And something more than melody
Dwells ever in her words;
The coinage of her heart are they,
And from her lips each flows
As one may see the burden'd bee
Forth issue from the rose.

Affections are as thoughts to her,
The measures of her hours;

Her feelings have the fragrancy,
The freshness of young flowers;
And lovely passions, changing oft,
So fill her, she appears
The image of themseves by turns,—
The idol of past years!

Of her bright face one glance will trace
A picture on the brain,
And of her voice in echoing hearts
A sound must long remain;
But memory, such as mine of her,
So very much endears,
When death is nigh, my latest sigh
Will not be life's, but hers.

I fill this cup to one made up
Of loveliness alone,
A woman, of her gentle sex
The seeming paragon—
Her health! and would on earth there stood,
Some more of such a frame,
That life might be all poetry,
And weariness a name.

דאָס איז געווען אַן אומגליק פאַר מר. פּינקני, וואָס ער איז גע־באָרען געוואָרען צו ווייט אין זיד. ווען ער וואָלט געווען אַ נײ־ענג־לענדער, וואָלט ער וואַרשיינליך פאַררעכענט געוואָרען פאַר דעם גרע־סטען אַמעריקאַנער ליריקער ביי יענער גרופּע גרויסמוטיגע פאַרשווע־רער, וואָס האָבען אַזוי לאַנג קאָנטראָלירט דאָס שיקזאַל פון דער אַמע־ריקאַנישער ליטעראַטור, אָנפיהרענדיג די זאַך, וואָס ווערט גערופען „דהי נאָרט אַמעריקאַן רעוויו“. דאָס נאָר וואָס ציטירטע געדיכט איז באַזונדערס שעהן; אָבער די פּאָעטישע דערהויבונג, וואָס עס רופט אַרויס, מוזען מיר צושרייבען הויפּטזעכליך צו אונזער מיטגעפיהל און אינטערעס אין דעם פּאָעט׳ס ענטוזיאַזם. מיר פאַרגיבען איהם

זיינע איבערטרייבונגען פאַר די אויגענשיינליכע ערנסטקייט, מיט וועלכער זיי ווערען אַרויסגעבראַכט.

עס איז אָבער גאָר ניט געווען מיין אַבזיכט זיך צו פאַרברייטען וועגען די מ ע ל ו ת פון די זאַכען, וואָס איך ברענג דאָ. זיי וועלען מוזען רעדען אַליין פאַר זיך. באָקאַליני, אין זיין "Advertise-ment from Parnassus" דערצעהלט אונז, אַז זאָאילוס האָט איינמאָל פּרעזענטירט אַפּאָלאָ'ן מיט אַ זעהר בייסיגער קריטיק איבער אַ זעהר באַוואונדערענסווערטען בוך. דער גאָט האָט איהם דאַן געפרעגט וועגען די שעהנקייטען פון דעם בוך. זאָאילוס האָט געענטפערט, אַז ער באַשעפטיגט זיך נאָר מיט די פעהלערען. הערענדיג דאָס, האָט איהם אַפּאָלאָ געגעבען אַ זאַק מיט ניט אויסגעבלאָזענעם ווייץ און האָט איהם געהייסען אויסקלייבען ד ע ם ג אַ נ צ ע ן ש פּ ר י י. און דאָס זאָל זיין באַלוינונג.

די פאַבעל איז טאַקי זעהר פּאַסיג, ווען זי איז געציעלט אין די קריטיקער, אָבער איך בין ווייט ניט זיכער, אַז דער גאָט איז געווען גערעכט. איך בין ווייט ניט זיכער, אַז די אמת'ע גרענעצען פון דער קריטישער אויפגאַבע ווערען ניט מיספאַרשטאַנען אויף אַ גראָבען אופן. פאָלקאָמענהייט, אין אַ געדיכט באַזונדערס, קען באַטראַכט ווערען אין דעם ליכט פון אַן אַקסיאָם, וואָס דאַרף נאָר אויף אַ געהעריגען אופן אוועקגעשטעלט ווערען, צו ווערען זעלבסטפאַרשטענדליך. עס איז נ י ט אָ קיין פאָלקאָמענהייט, וואו מען דאַרף דאָס באַווייזען. און ווען מען דאַרף צו שטאַרק אונטערשטרייכען די מעלות פון אַ קונסטווערק, הייסט דאָס, אַז מען גיט צו, אַז זיי זיינען אינגאַנצען ניט קיין מעלות.

צווישען די „מעלאָדיען" פון טאָמאַס מור איז פאַראַן איינע, וועמעס גרויסע פּאָעטישע מעלות ווערען, ווייזט אויס, גאָר ניט באַמערקט. איך רעד וועגען דעם געדיכט, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: "Come, rest in this bosom". קיין זאַך בייראָן'ס איבערטרעפט ניט די אינטענסיווע ענערגיע פון אויסדרוק דאָ. מיר געפינען דאָ צוויי שורות, וואו אַ געפיהל ווערט איבערגעגעבען, וואָס פאַרקערפּערט דאָס אַ ל ץ פון דער געטליכער ליידענשאַפט פון

ליעבע; אַ סענטימענט, וואָס האָט אפשר געפונען אַן אבקלאַנג אין מעהר ליידענשאַפטליכע מענשליכע הערצער, ווי וועלכער עס איז אַנדערער סענטימענט, וואָס איז ווען עס איז פאַרקערפערט געוואָרען אין ווערטער:

Come, rest in this bosom, my own stricken deer,
Though thy herd have fled from thee, thy home is still here;
Here still is the smile, that no cloud can o'ercast,
And a heart and a hand all thy own to the last.

Oh! what was love made for, if 'tis not the same
Through joy and through torment, through glory and
shame?
I know not, I ask not, if guilt's in that heart,
I but know that I love thee, whatever thou art.

Thou hast call'd me thy Angel in moments of bliss,
And thy Angel I'll be 'mid the horrors of this,—
Through the furnace, unshrinking, thy steps to pursue,
And shield thee, and save thee,—or perish there too!

די לעצטע צייטען איז געווען אין מאָדע צו לייקענען, אַז מור האָט יענע איינבילדונגס קראַפט, וואָס ווערט באַצייכענט מיט'ן וואָרט "imagination", און צו דערזעלבער צייט צוגעבן, אַז ער פאַרמאָגט די פאַנטאַזיע וואָס ווערט אַנגערופען "fancy" דער אונטערשיד שטאַמט פון קאָלרידזש'ען, וואָס האָט מעהר פון אַלע אַנדערע מענשען איינגעזעהן און אָפּגעשאַצט מור'ס גרויסע קראַפט. דער אמת איז, אַז די פאַנטאַזיע פון אַ דעם פּאָעט איבערוועגט אַזוי שטאַרק זיינע אַנדערע אייגענשאַפטען, און די פאַנטאַזיע פון אַלע אַנדערע מענשען, אַז דאָס האָט נאַטירליכערווייז געמוזט פיהרען צום געדאַנק, אַז ער איז נאָר פאַנטאַסטיש. אָבער קיינמאָל איז נאָך קיין גרעסערער טעות ניט געמאַכט געוואָרען. קיינמאָל איז נאָך קיין גרעסערער אונרעכט ניט באַגאַנגען געוואָרען אַנטקעגען דעם

רוהם פון אן אמת'ען פאעט. אין דער גאנצער ענגלישער שפראך קען איך זיך נים דערמאנען קיין פאעמא, וואס ווייזט ארוים א טי־פערע און צויבערליכערע פארשטעלונגס־קראפט, אין דעם בעסטען ייז, ווי די שורות, וואס הויבען זיך אן מיט די ווערטער — "I would I were by that dim lake", וואס זיינען אנגעשריבען געווארען פון טאמאס מור.

איינער פון די נאבעלסטע, און, ריידענדיג וועגען פאנטאזיע, פון די אם אייגענארטיגסט פאנטאסטישע פון מאדערנע פאעטען איז געוועזן טאמאס הוד. זיין "Fair Ines" האט אלעמאל גע־האט פאר מיר אן אונערקלערליכען צויבער:

O saw ye not fair Ines?
She's gone into the West,
To dazzle when the sun is down,
And rob the world of rest;
She took our daylight with her,
The smiles that we love best,
With morning blushes on her cheek,
And pearls upon her breast.

O turn again, fair Ines
Before the fall of night,
For fear the moon should shine alone,
And stars unrivall'd bright;
And blessed will the lover be
That walks beneath their light,
And breathes the love against thy cheek
I dare not even write!

Would I had been, fair Ines,
That gallant cavalier,
Who rode so gaily by thy side,
And whisper'd thee so near!
Were there no bonny dames at home,
Or no true lovers here,

That he should cross the seas to win
The dearest of the dear?

I saw thee, lovely Ines,
Descend along the shore,
With bands of noble gentlemen,
And banners waved before;
And gentle youth and maidens gay,
And snowy plumes they wore;
It would have been a beauteous dream,
If it had been no more!

Alas, alas, fair Ines,
She went away with song,
With music waiting on her steps,
And shoutings of the throng;
But some were sad and felt no mirth,
But only Music's wrong,
In sounds that sang Farewell, Farewell,
To her you've loved so long.

Farewell, farewell, fair Ines,
That vessel never bore
So fair a lady on its deck,
Nor danced so light before,—
Alas for pleasure on the sea,
And sorrow on the shore!
The smile that blest one lover's heart
Has broken many more!

“The Haunted House” פון דעמזעלבען אויטאר איז
איינע פון די עכטסטע פּאָעמען, וואָס זיינען ווען עס איז אנגעשרי־
בען געוואָרען, — איינע פון די ע כ ט ס ט ע, איינע פון די פאָל־
קאָמסטע, איינע פון די דורכאויס קינסטלערישע, סאי אין טעמאַ, סאי
אין אויספיהרונג. נאָכמעהר, דאָס איז א פּאָעמא, וואָס איז זעהר
שטאַרק אידעאַל, — פול מיט איינבילדונגס קראַפט. א שאָד, וואָס

די פּאָעמא איז אזוי לאנג, אז איך קען זי דאָ ניט ברענגען. אנשטאט איהר ערלויבט מיר דאָ פאַרצוברענגען די אלגעמיין אנערקענטע פּאָעמא "Bridge of Sighs":

One more Unfortunate,
Weary of breath,
Rashly importunate
Gone to her death!

Take her up tenderly,
Lift her with care;—
Fashion'd so slenderly,
Young and so fair!

Look at her garments
Clinging like cerements;
Whilst the wave constantly
Drips from her clothing;
Take her up instantly,
Loving, not loathing.—

Touch her not scornfully;
Think of her mournfully,
Gently and humanly;
Not of the stains of her,
All that remains of her
Now, is pure womanly.

Make no deep scrutiny
Into her mutiny
Rash and undutiful;
Past all dishonor,
Death has left on her
Only the beautiful.

Still, for all slips of hers,
One of Eve's family—

Wipe those poor lips of hers
Oozing so clammily,
Loop up her tresses
Escaped from the comb,
Her fair auburn tresses;
Whilst wonderment guesses
Where was her home?

Who was her father?
Who was her mother?
Had she a sister?
Had she a brother?
Or was there a dearer one
Still, and a nearer one
Yet, than all other?

Alas! for the rarity
Of Christian charity
Under the sun!
Oh! it was pitiful!
Near a whole city full,
Home she had none.

Sisterly, brotherly,
Fatherly, motherly,
Feelings had changed:
Love, by harsh evidence,
Thrown from its eminence;
Even God's providence
Seeming estranged.

Where the lamps quiver
So far in the river,
With many a light
From window and casement,
From garret to basement.
She stood, with amazement,
Houseless by night.

The bleak wind of March
Made her tremble and shiver;
But not the dark arch,
Or the back flowing river;
Mad from life's history,
Glad to death's mystery,
Swift to be hurl'd—
Anywhere, anywhere
Out of the world!

In she plunged boldly,
No matter how coldly
The rough river ran,—
Over the brink of it,
Picture it—think of it,
Dissolute Man!
Lave in it, drink of it
Then, if you can!

Take her up tenderly;
Lift her with care;
Fashion'd so slenderly,
Young, and so fair!
Ere her limbs frigidly
Stiffen too rigidly,
Decently,—kindly,—
Smooth and compose them;
And her eyes, close them,
Staring so blindly!

Dreadfully staring
Through muddy impurity,
As when with the daring
Last look of despairing
Fixed on futurity.

Perishing gloomily,
Spurred by contumely,

Cold inhumanity,
Burning insanity,
Into her rest,—
Cross her hands humbly,
As if praying dumbly,
Over her breast!
Owning her weakness,
Her evil behavior,
And leaving, with meekness,
Her sins to her Savior!

די קראפט פון אָט דער פּאָעמא איז ניט ווענינער מערקווירדיג, ווי איהר פּאטאָס. די ווערסיפיקאַציאָן, כאָטש זי ווערט דערפיהרט ביז צו דעם גרענעץ פון דעם פאַנטאַסטישען, איז דאָך וואונדערליך צוגעפּאסט צו דעם ווילדען וואָנזין, וואָס איז דער טעזיס פון דער פּאָעמא.

צווישען די קלענערע פּאָעמען פון לאָרד בייראָן איז פאראַן איי־נע, וואָס איז קיינמאָל ניט געלויבט געוואָרען פון די קריטיקער אזוי ווי זי פארדינט אהן צווייפעל:

Though the day of my destiny's over,
   And the star of my fate hath declined,
Thy soft heart refused to discover
   The faults which so many could find;
Though thy soul with my grief was acquainted,
   It shrunk not to share it with me,
And the love which my spirit hath painted
   It never hath found but in thee.

Then when nature around me is smiling,
   The last smile which answers to mine,
I do not believe it beguiling,
   Because it reminds me of thine;
And when winds are at war with the ocean,
   As the breasts I believed in with me,

If their billows excite an emotion,
   It is that they bear me from **thee.**

Though the rock of my last hope is shivered,
   And its fragments are sunk in the wave,
Though I feel that my soul is delivered
   To pain—it shall not be its slave.
There is many a pang to pursue me:
   They may crush, but they shall not contemn—
They may torture, but shall not subdue me—
   'Tis of **thee** that I think—not of them.

Though human, thou didst not deceive me,
   Though woman, thou didst not forsake,
Though loved, thou forborest to grieve me,
   Though slandered, thou never couldst shake,—
Though trusted, thou didst not disclaim me,
   Though parted, it was not to fly,
Though watchful, 'twas not to defame me
   Nor mute, that the world might belie.

Yet I blame not the world, nor despise it,
   Nor the war of the many with one—
If my soul was not fitted to prize it,
   'Twas folly not sooner to shun:
And if dearly that error hath cost me,
   And more than I once could foresee,
I have found that whatever it lost me,
   It could not deprive me of *thee.*

From the wreck of the past, which hath perished,
   Thus much I at least may recall,
It hath taught me that what I most cherished
   Deserved to be dearest of all:

In the desert a fountain is springing,
In the wide waste there still is a tree,
And a bird in the solitude singing,
Which speaks to my spirit of *thee*.

כאָטש דער ריטם איז דאָ איינער פון די שווערסטע, קען מען די ווערסיפיקאַציאָן קוים אויסבעסערען. קיין נאָבעלערע ט ע מ אַ האָט קיינמאָל ניט באַשעפטיגט אַ פּאָעט. דאָס איז דער נשמה דערהויבענדער געדאַנק, אַז קיין מאַן קען זיך ניט באַטראַכטען ווי באַרעכטיגט צו באַקלאָגען זיך אויף דאָס שיקזאַל, ווען איהם איז שלעכט, אָבער ווען ער האָט נאָך אַלץ די פעסטע ליעבע פון אַ פרוי.

פון אַלפרעד טעניסאָן, כאָטש איך באַטראַכט איהם אויפריכטיג ווי דעם נאָבעלסטען פּאָעט, וואָס האָט ווען עס איז געלעבט, האָב איך מיר איבערגעלאָזען צייט צו ציטירען נאָר אַ זעהר קורצען מוסטער. איך רוף איהם אָן און באַטראַכט איהם ווי דעם נאָבעלסטען פון אַלע פּאָעטען נ י ט ווייל די איינדרוקען פון איהם זיינען אַ ל ע מ אָ ל די טיפסטע, און נ י ט ווייל די פּאָעטישע רעגונג, וואָס ער רופט אַרויס, איז אַ ל ע מ אָ ל די אינטענסיווסטע, נאָר ווייל ער איז אַלעמאָל דער לופטיגסטער, אין אַנדערע ווערטער, דער רייניסטער און וואָס דערהויבט אַם מעהרסטען. קיין פּאָעט איז נאָך ניט אַזוי ווייניג פון דער ערד. וואָס איך וועל דאָ ברענגען איז פון זיין לעצטער פּאָעמאַ "The Princess":

Tears, idle tears, I know not what they mean,
Tears from the depth of some divine despair
Rise in the heart, and gather to the eyes,
In looking on the happy Autumn fields,
And thinking of the days that are no more.

Fresh as the first beam glittering on a sail,
That brings our friends up from the underworld,
Sad as the last which reddens over one
That sinks with all we love below the verge;
So sad, so fresh, the days that are no more.

Ah, sad and strange as in dark summer dawns
The earliest pipe of half-awaken'd birds
To dying ears, when unto dying eyes
The casement slowly grows a glimmering square;
So sad, so strange, the days that are no more.

Dear as remember'd kisses after death,
And sweet as those by hopeless fancy feign'd
On lips that are for others; deep as love,
Deep as first love, and wild with all regret;
O Death in Life, the days that are no more.

איך האָב דאָ געפּרואווט אייך איבערגעבען מיין באגריף וועגען דעם פּאָעטישען פּרינציפּ, כאָטש אויף א זעהר אויבערפלעכליכען און ניט גענינגענדען אופן. מיין אבזיכט איז געווען אָנצואווייזען, אז, אין דער צייט ווען אָט דער פּרינציפּ אליין איז, שטרענג גערעדט, איינפאַך די מענשליכע שטרעבונג צו העכסטער שעהנהייט, באַשטעהט דער אויסדרוק פון דעם פּרינציפּ אלעמאָל אין א דערהויבענדער אויפרעגונג פון דער נשמה, אינגאנצען אונאבהענגיג פון יענער ליידענשאַפט, וואָס איז די באַרוישונג פון דעם האַרצען, אָדער פון דעם אמת, וואָס איז די באַפרידיגונג פון דעם פאַרשטאַנד. ווייל וואָס אנבאַטרעפט די ליידענשאַפט, איז, ליידער, איהר טענדענץ ניכער צו דעגראַדירען, איידער צו דערהויבען די נשמה. פאַרקערט אָבער, ליעבע, דער אמת'ער, געטליכער עראָס, די אוראַניער און ניט די דיאָנעער ווענוס, איז אָהן צווייפעל די ריינסטע און עכטסטע פון אלע פּאָעטישע טעמען. און וואָס אנבאַטרעפט אמת, איז, פאַרשטעהט זיך, אויב, דערגרייכענדיג אן אמת, קענען מיר איינזעהן א האַרמאָניע, וואו מיר האָבען זי פריהער ניט געזעהן, מאַכט דאָס באַלד אויף אונז אן עכטע פּאָעטישע ווירקונג; אָבער אָט די ווירקונג דאַרף צוגעשריבען ווערען נאָר צו דער האַרמאָניע, און ניט אויף דאָס מינדסטע צו דעם אמת, וואָס האָט נאָר געדינט ארויסצוברענגען די האַרמאָניע.

מיר ווילען אָבער אויף א דירעקטערען וועג דערגרייכען א קלאָ־

זיך נאָר בארופען אויף איינינע פון די איינפאַכע עלעמענטען, וואָס רופען ארויס אן אמת'ען פּאָעטישען עפעקט אין דעם פּאָעט גופא. ער דערקענט די אַמבראָזיא, וואָס נעהרט זיין נשמה, אין די העלע שטערען, וואָס שיינען אין הימעל, אין די צירקלען פון דער בלום, אין דער גרופּע נידריגע בושען, אין דעם וועהען פון די תבואה פעלדער, אין דער אראָפּנייגונג פון הויכע מזרח בוימער, אין דער בלויער ווייט פון בערג, אין דער גרופּירונג פון וואָלקענס, אין דעם ווינקען פון האלב פארבאָרגענע שטראָמען, אין דעם פינקלען פון זילבער טייכען, אין דער רוהע פון אָפּגעזונדערטע לאנדזעען, אין די טיפען פון איינזאמע קוואַלען, וואו די שטערען שפּיגלען זיך אָפּ. ער דערקענט דאָס אין דעם געזאַנג פון די פויגלען, אין דער האַרף פון עאָלוס, אין דעם זיפצען פון דעם נאַכטיגען ווינט, אין דער מורמלענדער שטים פון דעם וואַלד, אין דעם באַקלאַגען זיך פון די כוואַליען פאַר דעם ברעג, אין דעם פרי־שען אטעם פון די וועלדער, אין דעם דופט פון דער וויאָלעט, אין דעם וואָויל־לוסטיגען פּערפיום פון דעם היאציגט, אין דעם אַנרעגענדען ריח,וואָס קומט צו איהם אין אוונט פון זעהר ווייטע ניט ענטדעקטע אינזלען, איבער טונקעלע אָקעאַנען, אָהן גרעניץ און אונערפאָרשט. ער דערקענט דאָס אין אלע נאָבעלע געדאַנקען, אין אלע ניט וועלט־ליכע אבזיכטען, אין אלע הייליגע אימפּולסען, אין אלע ריטערשע, גרויסמוטיגע, זיך אויפאָפּפערענדע טאַטען. ער פיהלט דאָס אין דער שעהנקייט פון דער פרוי, אין דער גראַציעזקייט פון איהר טראָט, אין דעם גלאַנץ פון איהר אויג, אין דער מעלאָדיע פון איהר שטים, אין איהר ווייכען געלעכטער, אין איהר זיפץ, אין דעם הארמאָנישען רויש פון איהרע קליידער. ער פיהלט דאָס טיף אין איהרע באַצויבערענדע צערטליכקייטען, אין איהר פייערדיגען ענטוזיאזם, אין איהר מילד־קייט און בארמהערציגקייט, אין איהר באַשיידענהייט, איבערגעבענ־קייט און געדולד, אָבער פריהער פון אלץ, און וואָס איז דאָס וויכ־טיגסטע, קניהט ער פאַר דעם און פארגעטערט דאָס אין דער טריי־הייט, אין דער ריינקייט, אין דער קראַפט, אין דער גאַנצער געטליכער מאיעסטעט פון איהר ל י ע ב ע.

ערלויבט מיר צו שליסען מיט ציטירען נאָך איין קורצע פּאָעמא,

וואָס איז אינגאַנצען פערשידען פון די, וואָס איך האָב ביז איצט גע־בראַכט. די פּאָעמאַ איז מאַטהערוועל'ס און רופט זיך "The Song of the Cavalier" מיט אונזערע מאָדערנע און דורכאויס ראַ־ציאָנאַלע אידעען וועגען דער אונזיניגקייט און גאַטלאָזיגקייט פון קריג, זיינען מיר ניט גאָר אַם בעסטען צוגעפּאַסט מיטצופיהלען מיט די סענטימענטען און אויף אַזאַ אופן אַפּצושאַצען די אמת'ע פּאָלקאָ־מענהייט פון דער פּאָעמאַ. אום דאָס פּאָלשטענדיג צו דערגרייכען, מוזען מיר אין געדאַנק זיך אידענטיפיצירען מיט דער נשמה פון דעם אַלטען קריגער:

A steed! a steed! of matchless speede!
A sword of metal keene!
Al else to noble heartes is drosse—
Al else on earth is meane.
The neighynge of the war-horse prowde,
The rowleing of the drum,
The clangour of the trumpet lowde—
Be soundes from heaven that come.
And oh! the thundering presse of knightes,
When as their war-cryes welle,
May tole from heaven an angel bright,
And rowse a fiend from hell.

Then mounte! then mounte, brave gallants all,
And don your helmes amaine;
Deathe's couriers, Fame and Honour, call
Us to the field againe.
No shrewish teares shall fill your eye
When the sword-hilt's in our hand,—
Heart-whole we'll part, and no whit sighe
For the fayrest of the land;
Let piping swaine and craven wight,
Thus weepe and puling crye,
Our business is like men to fight,
And hero-like to die!

די פילאָסאָפיע פון קאָמפּאָזיציאָן.

אין אַ נאָטיץ, וואָס ליגט איצט פאַר מיר, באַרופט זיך טשאַרלז דיקענס אויף אַן אַנאַליז, וואָס איך האָב אמאָל געמאַכט פון דער סטרוקטור פון „באַרנעבי רודזש“, און זאָגט: „ווייסט איהר אגב, אז גאָדווין האָט געשריבען זיין „קאַלעב וויליאַמס“ אויף צוריק? ער האָט אָנגעהויבען מיט דעם, וואָס ער האָט פאַרפּלאָנטערט זיינע העלדען אין אַ נעץ פון שווערקייטען, וואָס גיבען דעם שטאָף פאַר׳ן צווייטען באַנד, און דאַן האָט ער פאַר דעם ערשטען באַנד אָנגעהויבען צו באַשאַפען די מעגליכקייטען און אורזאַכען פון די שפּעטערע געשעהנישען...“

איך קען ניט גלויבען, אַז דאָס איז געווען גענוי דער פּלאַן, נאָך וועלכען גאָדווין האָט געאַרבייט, — און זיינע אייגענע ערקלערונגען שטימען ניט איינגאַנצען מיט דער אַנזיכט פון טשאַרלז דיקענס, —אָבער דער אויטאָר פון „קאַלעב וויליאַמס“ איז געווען אַ צו פיינער קינסטלער, אַז ער זאָל ניט איינזעהן די נוצען פון וועניגסטענס אַן ענליכען פּראָצעס. קיין זאַך איז ניט קלאָרער, ווי אַז יעדער פּלאַן, וואָס איז נאָר ווערט דעם נאָמען, מוז אויסגעאַרבייט ווערען ביז צו די דינסטע איינצעלהייטען, איידער מען נעמט די פעדער אין האַנט. נאָר ווען מיר האָבען די קלענסטע איינצעלהייטען שטענדיג אין זינען, קענען מיר געבען דעם גאַנצען פּלאַן די נויטיגע לאָגישקייט, עס זאָלען קלאָר זיין די אורזאַכען און פאָלגען, אַרויסווייזענדיג אין אַלע אינצידענטען און באַזונדערס אין דעם אַלגעמיינעם טאָן די ענטוויקלונג פון דעם קינסטלער׳ס אַבזיכט.

מיר דוכט, אַז אַ ראַדיקאַלער טעות ווערט באַגאַנגען אין דעם אופן, ווי אַן ערציילונג ווערט געוועהנליך אויפגעבויט. אמאָל גיט די וועלט געשיכטע דעם שטאָף; אַמאָל פיהלט זיך דער אויטאָר אָנגערעגט דורך אַ געשעהניש פון טאָג, אָדער אין בעסטען פאַל שטעלט

ער אליין צוזאמען איבערראַשענדע געשעהנישען, וואָס זאָלען נאָר דינען פאר א באַזיס פון זיינע ערציילונגען, און אלע ריסען און שפּאַלטען אין איהר, אלץ וואָס וועט נאָר פעהלען אין איהר פון פאַקטען אָדער האַנדלונג, וועט ער אָנפילען מיט באַשרייבונגען, דיאַלאָגען אָדער זיינע אייגענע קאָמענטאַרען.

איך הויב אַלעמאָל אָן מיט דער באַטראַכטונג פון דער מעגליכער ווירקונג. האָבענדיג שטענדיג אין זינען די אָריגינאַליטעט, — ווייל דער איז פאַלש צו זיך, וואָס וויל דורכלאָזען אזא אויגענשיינליכען און אזא לייכט דערגרייכבאַרען קוואַל פון אינטערעס, — פרעג איך מיך צוערשט: „פון די אונצעהליגע עפעקטען אָדער איינדרוקען, וואָס דאָס הארץ, דער אינטעלעקט, אָדער (מעהר אַלגעמיין) די נשמה קען פאַרנעמען, וועלכע זאָל איך איצט נעמען? האָבענדיג אויסגעקליבען א נייעם און א לעבעדיגען עפעקט, פרעג איך מיך ווייטער, ווי אזוי ער קען אַם בעסטען ארויסגעבראַכט ווערען דורך די געשעהנישען און דעם טאָן פון דער ערציילונג, — צי דורך געוועהנליכע געשעהנישען און א באַזונדערען טאָן, אָדער אומגעקערט, אָדער אונגעוועהנליכע געשעהנישען און טאָן צוזאמען; און דאַן קוק איך ארום מיר, אָדער נאָכמעהר אין מיך אליין, און זוך אזא קאָמבינאַציאָן פון געשעהנישען און טאָן, וואָס זאָל מיר אַם בעסטען העלפען ארויסברענגען די געווינשטע ווירקונג.

איך האָב מיר אָפט פאָרגעשטעלט, וואָס פאר אן אינטערעסאַנטען ארטיקעל אן אויטאָר וואָלט געקענט אָנשרייבען, ווען ער וואָלט געוואָלט, אָדער געקענט, אונז באַקענען, שריט נאָך שריט, מיט דעם אופן, ווי איינס פון זיינע ווערק איז אויסגעארבייט געוואָרען, ביז עס איז געוואָרען פאָרענדיגט. איך קען מיר גאָר ניט ערקלערען, פארוואָס אזאַ ארטיקעל איז נאָך קיינמאָל ניט אָנגעשריבען געוואָרען; אפשר איז דאָ די אייטעלקייט פון די אויטאָרען מעהר שולדיג, ווי וועלכער עס איז אַנדער גרונד. פאַר די מעהרסטע אויטאָרען, באַזונדערס דיכטער, איז א סך אָנגענעמער, ווען מען מיינט וועגען זיי, אַז זיי אַרבייטען אין א מין שעהנעם וואַהנזין, אַן עקסטאַטישער אינטואיציאָן, און זיי שוידערען ביי דעם געדאנק, אַז דער עולם זאָל קע-

נען א קוק טאָן הינטער דער סצענע פון זייער שאַפען און זעהן דאָס מיהזאַמע אויספיילען פון דעם וואָלקענדיגען, אונרייפען געדאַנק; ווי די אמת'ע ציעלען ווערען אויפגעכאַפּט נאָר אין דעם לעצטען אויגענבליק; די אונצעהליגע אידעען, וואָס בליצען אויף און קומען קיינמאָל ניט ארויס אין פולען ליכט; די פיעלע רייפע געדאַנקען, וואָס מוזען פאַרוואָרפען ווערען אין פאַרצווייפלונג ווי אונפאַר־ווענדבאַרע; דאָס פאָרזיכטיגע אויסקלייבען און אויסשליסען, אויסמעקען און צושטעלען, — קורץ, די אַלע רעדער און רימענס, לייטערס, פאַלטרעפ און אַלע אַנדערע זאַכען פון די קוליסען, וואָס דער אויטאָר מוז האָבען ביי זיין אַרבייט.

איך ווייס אויך, פון דער אַנדער זייט, אַז דורכאויס ניט אָפט איז אַן אויטאָר אימשטאַנד צו באַצייכענען דעם וועג, אויף וועלכען ער איז געקומען צו זיינע שלוסען. בכלל ווערען אידעען, וואָס קו־מען צופעליג, פונקט אזוי צופעליג פאַרגעסען.

איך פערזענליך טייל ניט די אָפנייגונג פון די אויטאָרען, וועגען וועלכע איך האָב דאָ גערעדט; אויך איז פאַר מיר אויף דאָס מינדסטע ניט שווער צו דערמאָנען זיך דעם גאַנצען ענטוויק־לונגס גאַנג פון אַלע מיינע קאָמפּאָזיציאָנען. און ווייל דער אינ־טערעס פון אַן אַנאַליז, אָדער רעקאָנסטרוקציאָן, אַזאַ ווי איך האָב באַטראַכט פאַר א דעזידעראַטום, איז אינגאַנצען אונאַבהענגיג פון א ווירקליכען אָדער ניט ווירקליכען אינטערעס פאַר דעם אַנאַליזיר־טען געגענשטאַנד, וועט מען מיר דאָס ניט פאַרוואַרפען ווי א ברוך פון אַנשטענדיגקייט, ווען איך וועל דאָ ווייזען, ווי אַזוי איך האָב פאַרפאַסט איינס פון מיינע אייגענע ווערק. איך נעם „דעם ראַב“, ווי דאָס באַקאַנטסטע פון מיינע ווערק. עס איז מיין אַבזיכט צו ווייזען דאָ, אַז קיין פונקט אין דעם געדיכט קען ניט צוגעשריבען ווערען צו א צופאַל אָדער אַן אינטואיציאָן, אַז די אַרבייט איז טריט נאָך טריט צוגעגאַנגען מיט דער גענויקייט און שטרענגער אויס־געהאַלטענקייט פון א מאַטעמאַטישען פּראָבלעם.

ווייל דאָס האָט ניט צו טאָן מיט דעם געדיכט דירעקט, וועט־לען מיר פריהער פון אַלץ אינגאַנצען אויסלאָזען פון באַטראַכטונג

דעם אומשטאַנד, — אָדער, אויב איהר ווילט, די נויטוועגדיג־קייט, — וואָס האט מיר געגעבען דעם געדאַנק צו שרייבען א פּאָ־עמאַ, וואָס זאָל צופרידענשטעלען סאַי דעם אַלגעמיינעם, סאַי דעם קריטישען געשמאַק.

מיר וועלען דעריבער אָנהויבען מיט מיין אַבזיכט.

די ערשטע פראַגע איז געווען, ווי גרויס אַזאַ פּאָעמאַ זאָל זיין. ווען א ליטעראַריש ווערק איז צו לאַנג, אַז מען זאָל עס קענען אינ־גאַנצען איבערלעזען אויף איין מאָל, מוזען מיר זיין צופרידען אָפּ־צוזאָגען זיך פון דעם אונגעהויער וויכטיגען עפעקט, וואָס באַקומט זיך פון אַן איינהייטליכען, אונצוטיילטען איינדרוק. ווייל ווען מען מוז דאָס ווערק איבערלעזען אין צוויי מאָל, קומען אינמיטען אריין די געשעפטען פון טאָג, און מיר קענען בכלל ניט פאַרנעמען דאָס ווערק ווי איין גאַנצעס. אָבער אַזוי ווי קיין פּאָעט וועט זיך ניט ערלויבען דורכצולאָזען וואָס ניט איז, וואָס קען איהם נאָר העלפען אין זיין פּלאַן, בלייבט אונז נאָר איבער צו זעהן, צי ער קען דורך די גרעסערע לענג פון א געדיכט בכלל געווינען עפּעס, וואָס זאָל באַלוינען פאַר דעם פאַרלוסט פון איינהייט, וואָס קומט מיט דער גרעסערער לענג. איך זאָג, אַז ער קען גאָרניט געווינען. וואָס מיר רופען אַן א לאַנג געדיכט איז אין דער אמת'ען נאָר א רייה פון קורצע געדיכטען, דאָס הייסט, קורצע פּאָעטישע וויר־קונגען. עס איז דאָ אונגויטיג אויסצופיהרען, אַז א געדיכט איז א געדיכט נאָר אויף וויפיעל עס רעגט אונז אינטענסיוו, דערהויבענדיג די נשמה; און אַלע אינטענסיווע רעגונגען זיינען קורץ, צוליעב א פּסיכישער נויטוועגדיגקייט. אַט פאַרוואָס וועניגסטענס א העלפט פון ״דעם פאַרלאָרענעם גן עדן„ איז אייגענטליך פּראָזא, — א רייה פון פּאָעטישע רעגונגען, נאָך וועלכע קומען א ו נ פ א ר מ י י ד ־ ל י ך איינדרוקלאָזע ערטער; דאָס גאַנצע געדיכט פאַרלירט צו־ליעב דער אויסערגעוועהנליכער לענג דעם אונגעהויער וויכטיגען קינסטלערישען עלעמענט: די גאַנצקייט אָדער איינהייטליכקייט פון ווירקונג.

עס איז דעריבער קלאָר, אַז וואָס אַנבאַטרעפט די לענג, איז

פאראן א באשטימטער גרעניץ פאר אלע ליטעראַרישע ווערק, — דער גרעניץ פון איין זיצונג, — און אז כאטש אין געוויסע קלאסען פון פראזאאישע קאמפאזיציאנען, ווי „ראבינזאן קרוזא" (וואס פאדערען ניט קיין איינהייט), קען גאר די איבערטרעטונג פון אט דעם גרעניץ ברענגען נוצען, קען מען אבער דעם גרעניץ ניט איבערטרעטען אין א פאעמא. אינערהאלב אט דעם גרעניץ מוז די לענג פון א געדיכט שטעהן אין א גענויער מאטעמאטישער פארהעלטניס צו זיין ווערט, דאס הייסט, צו דעם גראד פון אנרעגונג אדער דערהויבונג, וואס עס רופט ארויס, אדער אין אנדערע ווערטער, צו דעם גראד פון אמת'ער פאעטישער ווירקונג, וואס עס איז אימשטאנד ארויסצוברענגען. ווייל עס איז דאך קלאר, אז די קורצקייט שטעהט אין דירעקטער באציהונג צו דער אינטענסיוויטעט פון דעם באאבזיכטיגטען עפעקט: מיט דעם איין באדינג, אז א געוויסער גראד פון דויער איז אבסאלוט נויטיג, ארויסצוברענגען א וועלכע עס איז ווירקונג.

האבענדיג דאס אלץ אין זינען, און אויך די ארט פון אנרעגונג, וואס זאל ניט זיין העכער פון דעם אלגעמיינעם און נידריגער פון דעם קריטישען געשמאק, האב איך גלייך געפונען די פאסיגע לענג פאר מיין געפלאנטען געדיכט, א לענג פון ארום הונדערט שורות. אין דער ווירקליכקייט זיינען געווארען הונדערט און אכט שורות.

מיין צווייטער געדאנק איז געווען אויסצוקלייבען אן איינדרוק, אדער עפעקט, וואס דאס געדיכט זאל מאכען; און דא מוז איך ערקלערען, אז איך האב אין פארלויף פון דער גאנצער ארבייט שטענדיג געהאט אין זינען צו מאכען מיין ווערק אלגעמיין פארשטענדליך.

איך וואלט זיך צופיעל דערווייטערט פון מיין טעמא, ווען איך וואלט דא גענומען דעמאנסטרירען די אנזיכט, וואס איך האב שוין פיעלמאל ארויסגעזאגט און וואס נויטיגט זיך ניט אין קיין ערקלערונג פאר די, וואס שטעהען נאהנט צו פאעזיע, — די אנזיכט, אז דאס שעהנע איז דאס איינציגע לעגיטימע פעלד פאר א פאעמא. עטליכע ווערטער אבער זיינען נויטיג צו ערקלערען מיין ריכטיגע

אנזיכט, וואָס אייניגע פריינד מיינע האָבען ארויסגעוויזען א נייגונג ניט ריכטיג אָנצוגעבען. איך גלויב, אז דאָס אינטענסיווסטע, ערהאבענסטע און ריינסטע פאָרגניגען איז אזא, וואָס ווערט אונז געגעבען, ווען מיר באַטראַכטען די שעהנהייט. ווען מענשען ריידען וועגען שעהנהייט, מיינען זיי, גענוי גערעדט, ניט אן אייגענשאַפט, ווי מען מיינט, נאָר א ווירקונג; קורץ, זיי באַרופען זיך אויף יענע אינטענסיווע און ריינע דערהויבונג פון דער *נשמה*, — *ניט* פון דעם אינטעלעקט, אָדער פון דעם האַרצען, — וואָס איך האָב שוין באַשריבען און וואָס קומט נאָך באַטראַכטען „דאָס שעהנע“.
איך באַצייכען די שעהנהייט ווי דאָס איינציגע פעלד פאַר פּאָעזיע ווייל דאָס איז אן אויגענשיינליכער רעגעל פון קונסט, אז די ווירקונגען זאָלען קומען פון דירעקטע אורזאַכען, אַז זאַכען זאָלען דערגרייכט ווערען דורך מיטלען, וואָס זיינען אַם בעסטען צוגעפּאַסט פאַר זייער דערגרייכונג; און קיינער איז נאָך ניט געווען שוואַכזיניג גענוג צו לייקענען, אז די באַזונדערע אָנרעגונג, וועגען וועלכער מיר רעדען דאָ, קען *אַם לייכטסטען* דערגרייכט ווערען אין אַ חאָעמאַ. אָבער *אמת*, אָדער אַי באַפרידיגונג פון פאַרשטאַנד, און *ליידענשאַפט*, אָדער די רעגונג פון האַרצען, כאָטש זיי קענען דערגרייכט ווערען אויך דורך פּאָעזיע, קען מען אָבער א סך לייכטער באַקומען דורך פּראָזאַ. דער אמת פאָדערט א גענויקייט און די ליידענשאַפט — אַ פאַרטרויליכקייט (די אמת ליידענשאַפטליכע מענשען וועלען מיך דאָ פאַרשטעהן), און דאָס אַלץ איז דורכאויס אנטאַגאָניסטיש צו יענער שעהנהייט, וואָס איז, איז מיין מיינונג, די אָנרעגונג און אנגענעמע דערהויבונג פון דער נשמה. פון דעם, וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרען, דאַרף מען נאָך ניט שליסען, אַז די ליידענשאַפט, אָדער אפילו דער אמת אליין, קענען ניט ארייַנגעפיהרט ווערען, און מיט א געוויסען נוץ, אויך אין אַ פּאָעמאַ; זיי קענען דינען קלאָרער צו מאַכען אָדער פאַרשטאַרקען די אַלגעמיינע ווירקונג, פונקט ווי די דיסאָנאַנסען אין מוזיק, דורך קאָנטראַסט. דאָך וועט דער אמת׳ער קינסטלער אַלעמאָל זיך געבען די מיה, ערשטענס, צו אונטערוואַרפען זיי אויף אַ פּאַסיגען

אופן צו זיין הויפט ציעל, און צווייטענס, צו פארשלייערען זיי אויף ווי ווייט מעגליך אין יענע שעהנהייט, וואס איז די אטמאספער און דער עצם פון א פאעמא.

אננעמענדיג די שעהנהייט פאר מיין געביעט, האב איך מיך ווייטער געפרעגט, אין וועלכען ט א ן זי קען געפינען איהר העכסטען אויסדרוק. יעדע ערפאהרונג האט אונז געלערענט, אז דער טאן מוז זיין פון ט ר ו י ע ר. שעהנהייט, פון וועלכער ארט זי זאל ניט זיין, ווען אין איהר העכסטער ענטוויקלונג מוזען רעגען די סענסיטיווע נשמה צו טרערען. מעלאנכאליע איז דעריבער דער לעגיטימסטער טאן פאר פאעזיע.

נאכדעם ווי איך בין געקומען צו א שלום וועגען דער לענג, דעם געביעט און דעם טאן, האב איך דורך געוועהנליכע אינדוקציאן גע־נומען זוכען עפעס א קינסטלערישען רייץ, וואס זאל מיר קענען דינען פאר א גרונד טאן אין אויפבויען דאס געדיכט, א מיטעלפונקט, ארום וועלכען די גאנצע זאך זאל זיך דרעהען. נאכדעם ווי איך האב פארזיכטיג באטראכט אלע געוועהנליכע קונסט עפעקטען, אדער בע־סער, די מיטלען צום עפעקט, האב איך באלד געמוזט איינזעהן, אז קיין זאך ווערט ניט אזוי אפט און אלגעמיין אנגעווענדט, ווי דער ר ע פ ר ע ן. דאס, וואס דער ר ע פ ר ע ן ווערט אזוי אלגעמיין אנגעווענדט, איז געווען גענוג צו איבערצייגען מיך אין זיין אויסערגעוויינליכען ווערט, און דאס האט מיך באפרייט פון דער נויטווענדיגקייט איהם צו אנאליזירען. איך האב אבער נאכ־געפארשט, צי ער קען ניט אויסגעבעסערט ווערען, און האב באלד געפונען, אז ער געפינט זיך אין א פרימיטיווען צושטאנד. ווי ער איז ביז איצט אנגעווענדט געווארען, איז ער ניט נאר געווען אויס־שליסליך אין לירישער פאעזיע, נאר די קראפט פון זיין איינדרוק איז געווען אבהענגיג פון דער קראפט פון מאנאטאנקייט סאי פון זיין טאן און סאי פון זיין געדאנק. דאס פארגניגען קומט אויס־שליסליך פון דעם, וואס מען פיהלט די אידענטיטעט, די ווידערהא־לונג. איך האב באשלאסען צו וואריאירען און אויף אזא אופן דער־הויבען די ווירקונג, בלייבענדיג טריי צו דער מאנאטאנקייט פון

קלאַנג און אין דערזעלביגער צייט ענדערענדיג שטענדיג דעם געדאַנק; דאָס הייסט, איך האָב באַשלאָסען צו פראָדוצירען שטענדיג נייע עפעקטען, וואַריאירענדיג די א נ ו ו ע נ ד ו נ ג פון דעם ר ע פ ר ע ן, וועלכער בלייבט אָבער אליין מעהרסטענטיילס ניט געענדערט.

ווען איך האָב אַט די אַלע פראַגען געלעזט, האָב איך גענומען נאָכדענקען וועגען דער נ א ט ו ר פון מיין ר ע פ ר ע ן. אזוי ווי די אנווענדונג פון דעם ר ע פ ר ע ן האָט געזאָלט אָפט וואַריאירט ווערען, איז געווען קלאָר, אַז דער ר ע פ ר ע ן אליין מוז זיין קורץ, ווייל עס וואָלט געווען פארבונדען מיט אונאיבערווינדליכע שוועריקייטען צו געבען אָפטע וואַריאַציאָנען אין דער אנווענדונג פון א לאַנגען זאַץ. וואָס קורצער דער זאַץ וועט זיין, אַלץ לייכטער וועט זיין נאַטירליך אויך די וואַריאירונג אין זיין אנווענדונג. דאָס האָט מיך באַלד געפיהרט צו דעם געדאַנק צו נעמען איין איינציג וואָרט, ווי דעם בעסטען ר ע פ ר ע ן:

איצט האָב איך מיך געפרעגט, וואָס פאַר א כ א ר א ק ט ע ר אַזאַ וואָרט דאַרף האָבען. פון דעם, וואָס איך האָב באַשלאָסען צו נעמען דעם ר ע פ ר ע ן, איז שוין געווען זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז דאָס געדיכט מוז איינגעטיילט ווערען אין סטראָפען, און דער ר ע פ ר ע ן זאָל שליסען יעדע סטראָפע. אַז אַזאַ שלוס, צו האָבען קראַפט, מוז זיין וואוילקלינגענד און קענען ארויסגערעדט ווערען ברייט און פּאַטעטיש, אין דעם האָט קיין צווייפעל ניט געקענט זיין. און אַט די באַטראַכטונגען האָבען מיך אונפאַרמיידליך געמוזט פיהרען צו דעם לאַנגען o, ווי דעם קלאַנגפולסטען וואָקאַל, אין פאַרבינדונג מיט דעם r, דעם קרעפטיגסטען קאָנסאָנאַנט.

האָבענדיג באַשלאָסען, וואָס פאַר א קלאַנג דער ר ע פ ר ע ן זאָל האָבען, האָב איך איצט געמוזט געפינען א וואָרט, וואָס זאָל האָבען אין זיך אַט דעם קלאַנג און זאָל אין דערזעלביגער צייט זיין אין דער מעגליכסט פולסטער האַרמאָניע מיט דער מעלאַנכאָליע, וואָס איך האָב פאָראויס באַשטימט פאַר דעם טאָן פון דעם געדיכט. זוכענדיג אַזאַ וואָרט, וואָלט געווען אַבסאָלוט אונמעגליך

פארבייצוגעהן דאס ווארט "nevermore", (מעהר קיינמאל ניט). דאס איז גראד געווען דאס ערשטע ווארט, וואס איז מיר איינגעפאלען.

איצט האט מען געדארפט געפינען אן אורזאך פאר דער ווידערהאלטער אנווענדונג פון דעם איין ווארט "nevermore", איך האב באלד באמערקט, אז די שווערקייט צו געפינען א גענוגענדען גרונד פאר דער אפטער ווידערהאלונג, ליגט הויפטזעכליך אין דער פארשטעלונג, אז דאס ווארט מוז אזוי מאנאטאן ארויסגערעדט און ווידערהאלט ווערען פון א מענשען; קורץ, איך האב באלד געמוזט איינזעהן, אז די גאנצע שווערקייט ליגט אין דער פאראייניגונג פון אט דער מאנאטאנקייט מיט דעם געדאנק און פארנונפט פון דעם, וואס דארף דאס ווארט ווידערהאלען. דא איז מיר באלד געקומען דער געדאנק וועגען אן אונפארניכטיגער באשעפעניש, וואס איז דאך פעהיג צו רעדען: און גאנץ נאטירליך האב איך צוערשט געקלערט וועגען א פאפוגאי, האב אבער באלד איהם פארביטען אויף א ראב, וואס איז אויך פעהיג צו רעדען און וואס הארמאניזירט א סך בעסער מיט דעם געווינשטען טאן.

איצט בין איך געקומען אזוי ווייט, ווי ארייַנצופיהרען א ראב, — דעם פויגעל פון בייזע פארבאדייטונגען, — וואס זאל ווידערהאלען מאנאטאן דאס איין ווארט "nevermore", צום סוף פון יעדער סטראף אין א געדיכט מיט א טאן פון טרויער און וואס איז ארום א הונדערט שורות לאנג. איצט, ניט פארגעסענדיג אויף אן אויגענבליק מיין ציעל, די פאלקאמענהייט, האב איך מיך ווייטער געפרעגט: „פון אלע טרויעריגע זאכען, וועלכע ווערט פון דעם אלגעמיינעם מענשליכען פארשטאנד אנערקענט פאר די טרויעריגסטע?" — טויט, איז געווען דער אויגענשיינליכער ענטפער. „און ווען, — האב איך ווייטער געפרעגט, — איז אט די טרויעריגסטע פארשטעלונג אם פאעטישסטען?" פון דעם, וואס איך האב דא אויספיהרליך ערקלערט, איז דא דער ענטפער אויך ניט שווער: „ווען זי פארבינדט זיך אם נאהענטסטען מיט שענהייט; דער טויט פון א שעהנער פרוי איז אהן צווייפעל דער

פאַטעטישסטער געגענשטאַנד, וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען, און פונקט אזוי אונצוויפעלהאפט איז, אז דער אליין געבליבענער ליע־בענדער איז אם בעסטען צוגעפאַסט צו רעדען וועגען דעם".

איצט האָב איך גדאַרפט קאָמבינירען די צוויי אידעען: א ליעבענדען, וואָס באוויינט זיין געשטאָרבענע געליעבטע, און א ראָב, וואָס ווידערהאָלט אונאויפהערליך דאָס וואָרט "nevermore" און קאָמבינירענדיג די צוויי אידעען, האָב איך גדאַרפט האָבען אין זינען מיין אבזיכט צו וואַריאירען יעדעם מאָל די א נ ו ו ע נ ד ו נ ג פון דעם ווידערהאָלטען וואָרט; אָבער די איינציגע מעגליכע אָרט פון אזא קאָמבינאַציאָן איז פאָרצושטעלען, אז דער ראָב באנוצט דאָס וואָרט, ענטפערענדיג אויף די פראַגען פון דעם ליעבענדען. און דאָ האָב איך באלד דערזעהן די געלעגענהייט צו באקומען די וויר־קונג, אויף וועלכע איך האָב געלעגט אזוי פיעל געוויכט, דאָס הייסט, צו וואַריאירען די אנוועגדונג: איך האָב איינ־געזעהן, אז די ערשטע פראַגע, וואָס דער ליעבענדער פרעגט, — די ערשטע פראַגע, אויף וועלכע דער ראָב זאָל ענטפערען מיט "nevermore", אז אַט די ערשטע פראַגע קען איך מאכען א גאַנץ אַלטעגליכע, די צווייטע — ווענינער געוועהנליך, די דריטע — נאָך ווענינער, און אזוי ווייטער, ביז דער ליעבענדער ווערט ענדליך, דורך דעם טריבען זין פון דעם וואָרט, וואָס ווערט אזוי אָפט ווידערהאָלט, אוועקגעריסען פון זיין פריהערדיגער גלייכגילטיגקייט. איהם קומט אויפ'ן זין די בייז־באַדייטענדע רעפוטאַציאָן פון דעם פויגעל, וואָס רעדט דעם רעפּרען ארויס, ער ווערט ענדליך אויפגערעגט ביז צום אבערגלויבען, און גאָר אנדערע פראַגען נעמט ער שטעלען, פראַ־גען, נאָך דער לעזונג פון וועלכע זיין הארץ בענקט מיט א ווילדער ליידענשאַפט; ער שטעלט זיי האַלב אין אבערגלויבען און האַלב אין יענעם מין פאַרצווייפלונג, ווען דער מענש געפינט פאַרגניגען אין מאַטערען זיך אליין. ער שטעלט די פראַגען, ניט ווייל ער גלויבט, אז דער פויגעל איז פּראָפעטיש אָדער דעמאַניש (זיין פאַר־שטאַנד זאָגט איהם, אז דער פויגעל ווידערהאָלט נאָר דאָס, וואָס מען האָט מיט איהם איינגעלערענט), נאָר ווייל ער פיהלט א גרויזאַם,

קוועלענד פארגניגען אזוי זיי צו שטעלען, אז ער זאל באקומען דעם ערוואַרטען ענטפער "nevermore" וואָס איז פאר איהם דאָס ליעבסטע און טייערסטע, ווייל דאָס איז זיין אונערטרעגליכסטער פיין.

נאָכדעם ווי איך האָב איינגעזעהן די געלעגענהייט צו וואַריאירען דעם רעפרען, אָדער ריכטיגער: נאָכדעם ווי דער גאַנצער אויפבוי פון מיין געדיכט האָט מיך צו דעם געפיהרט, האָב איך צוערשט נאָכגעפאָרשט דעם קלימאַקס, אָדער די שלום פראגע, די פראגע, אויף וועלכע "nevermore" זאָל זיין דער לעצטער ענטפער, און אָט דער ענטפער, דאָס וואָרט "nevermore" זאָל האָבען אין זיך די העכסטע מאָס פון וועה און פאַרצווייפלונג.

דאָ, איינגענטליך, האָט מיין געדיכט געפונען זיין אָנהויב, — ביים סוף, וואו אלע קונסט ווערק דאַרפען זיך אָנהויבען, — ווייל נאָכדעם ווי איך בין מיט מיינע באַטראַכטונגען דערגאַנגען ביז צו אָט דעם פונקט, האָב איך צוערשט באַריהרט דאָס פּאַפּיר מיט מיין פעדער, אָנצושרייבען די פאָלגענדע סטראָף:

„נביא—זאָג איך,—גייסט דו ווייזער, פויגעל אָדער דעמאָן בייזער!
איך באַשווער דיך ביי דעם הימעל, ביי דעם גאָט, וואָס איך פערעהר:
ועט מיין זעל, אין פיין פאַרלאָרען, זעהן נאָך צווישען שרפים כּאָרען
אין גן עדן ווען לענאָרא'ן? — זאָג דער זעל געפייניגט שווער.
ועט זי ווען דאָרט זעהן לענאָרא'ן?—זאָג דער זעל געפייניגט שווער".
נאָר דער ראָב זאָגט: קיינמאָל מעהר.

איך האָב דאַן אָנגעשריבען אָט די סטראָף, ערשטענס, אום צו האָבען פאַר זיך דעם הויך־פונקט און קענען אויף אַזאַ אופן בעסער וואַריאירען און אָפּשאַצען, אין ערנסטקייט און וויכטיגקייט, די פריהערדיגע פראגען פון דעם ליעבענדען; און צווייטענס, אום צו קענען ענדגילטיג באַשטימען דעם ריטם, דעם מעטער, און די לענג און דעם אַלגעמיינעם בוי פון די סטראָפען, וואָס דאַרפען קומען פריהער, אַז קיינע פון זיי זאָל ניט איבערטרעפען אָט די סטראָף אין

ריטמישער ווירקונג. וואָלט איך אין דער ווייטערער אַרבייט געקענט אָנשרייבן קרעפטיגערע סטראָפן, וואָלט איך גאָר ניט געקלערט און אָפּגעשוואַכט זיי, אַז זיי זאָלן ניט שטערן דעם עפעקט פון דעם קלימאַקס.

און איצט קען איך זאָגן עטליכע ווערטער וועגן דער ווער־סיפיקאַציאָן. מיין ערשטער ציעל איז דאָ, ווי געוועהנליך, געווען אָריגינאַליטעט. דאָס, וואָס מען האָט די אָריגינאַליטעט אַזוי פיעל פאַרנאַכלעסיגט אין ווערסיפיקאַציאָן, איז פאַר מיר איינע פון די אונערקלערבאַרסטע זאַכען אין דער וועלט. איך וועל צוגעבן, אַז וואַריאירען דעם ריטם אַליין איז פאַראַן וועניג מעגליכקייט, דאָך איז קלאָר, אַז די מעגליכע וואַריאַציאָנען פון מעטער און סטראָף זיינען אַבסאָלוט אונענדליך. און פונדעסטוועגן האָט אין פאַרלויף פון יאָהרהונדערטער קיין מענש קיינמאָל ניט געשאַפען, און, ווייזט אויס, ניט געקלערט אפילו צו שאַפען עפעס אַזוינס, וואָס זאָל זיין אָריגינעל. דער אמת איז, אַז אָריגינאַליטעט (סאַידען אין גייסטער פון גאָר אונגעוועהנליכער קראַפט) איז דורכאויס ניט קיין פּראָדוקט פון אימפּולס אָדער אינטואיציאָן, ווי אייניגע מיינען; בכלל מוז מען זי פלייסיג זוכען, און כאָטש זי דאַרף פאַררעכענט ווערען פאַר דעם העכסטען פאַרדינסט פון אַ מענשען, פאָדערט זיך, אום זי צו דערגרייכען, וועניגער ערפינדונגס קראַפט, ווי פעהיג־קייט צו נעגירען.

זעלבסטפאַרשטענדליך פּרעטענדיר איך ניט אויף אָריגינאַלי־טעט אין דעם ריטם אָדער דעם מעטער פון דעם „ראַב“. דער ריטם איז טראָכעאיש; דער מעטער איז אָקאַטאַלעקטישער אָקטאַמעטער, וואָס ווערט געביטען אויף קאַטאַלעקטישען העפּטאַמעטער אין דעם רעפרען פון דער פינפטער שורה און ענדיגט זיך מיט קאַטאַלעקטי־שען טעטראַמעטער. וועניגער פּעדאַנטיש: די פערז־פוסען זיינען אַלע טראָכעען, באַשטעהען פון אַ לאַנגער און אַ קורצער זילבע. די ערשטע שורה פון דער סטראָף באַשטעהט פון אַכט אַזעלכע פוסען, די צוויי־

טע — פון זיבען און א האלב, די דריטע — פון אכט, די פערטע — פון זיבען און א האלב, די פינפטע — דאסזעלבע, די זעקסטע — פון דריי און א האלב. יעדע פון אט די שורות באזונדער איז שוין אנגעווענדט געווארען פריהער, און די אריגינאליטעט, וואס „דער ראב" האט, באשטעהט אין דעם, ווי איך האב די שורות קאמבינירט אין א סטראף; און קיין זאך, וואס זאל אפילו זיין וויפיעל ניט איז עהנליך צו אט דער קאמבינאציאן, איז קיינמאל ניט פארזוכט געווארען. די ווירקונג פון אט דער אריגינאליטעט פון קאמבינירען ווערט נאך פארשטארקט דורך אנדערע אומגעוועהנליכע, איניגע גאר נייע, עפעקטען, וואס זיינען געווען א רעזולטאט פון א ברייטערער אנווענדונג פון ריים און אליטעראציאן.

דער נעקסטער פונקט צו באטראכטען איז געווען די ארט, ווי צוזאמענצוברייגען דעם ליעבענדען און דעם ראב, און די ערשטע פראגע איז געווען: וואו? דער נאטירליכסטער ארט האט געשיינט צו זיין א וואלד אדער א פעלד, מיר האט אבער אלעמאל אויסגעוויזען, אז אן ענגער און בעגרענצטער רוים איז אבסאלוט נויטיג פאר דעם עפעקט פון אן איינצעלנעם אינצידענט: דאס האט די קראפט פון א ראהם צו א בילד. דאס האט די אונבאשטרייטבארע מאראלע קראפט צו האלטען די אויפמערקזאמקייט קאנצענטרירט און דארף, נאטירליך, ניט צוזאמענגעמישט ווערען מיט איינהייט פון ארט.

איך האב דעריבער באשלאסען צו נעמען דעם ליעבענדען אין זיין צימער, דעם צימער, וואס איז געווארען פאר איהם הייליג דורך די ערינערונגען אן דער, וואס איז דארט אפט געווען. דער צימער, ווערט פארגעשטעלט, איז רייך אויסגעשטאט, און דאס איז נאר אין איינקלאנג מיט די אידעען, וואס איך האב שוין פריהער ארויסגעבראכט, רעדענדיג וועגען דער שעהנהייט, ווי וועגען דעם איינציגען אמת'ען פאעטישען טעזיס.

נאכדעם ווי איך האב פעסטגעשטעלט דעם ארט, האב איך געדארפט אריינפירען דעם פויגעל, און דער געדאנק אריינצופירען איהם דורך דאס פענסטער איז געווען אונפארמיידליך. דער גע־

דאַנק צו לאָזן דעם ליעבענדען גלויבען צוערשט, אַז דעם פויגעל׳ס שלאָגען מיט די פליגלען אַנטקעגען דעם לאָדען פון פענסטער איז אַ קלאַפּען אין טיר, איז געקומען פון מיין וואונש שטאַרקער צו מאַכען, דורך וואַרטען, דעם לעזער׳ס נייגעריגקייט, און פון דעם פאַרלאַנג אריינצוברייגען די נעבענווירקונג, אַז דער ליעבענדער, עפענענדיג די טיר און דערזעהענדיג גאָרניט אויסער פינסטערניש, נעמט אָן די פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונג, אַז דאָס האָט דער גייסט פון זיין געליעבטער געקלאַפּט אין טיר.

איך האָב אָנגענומען אַ שטורמיגע נאַכט, ערשטענס, צו ערקלערען, פאַרוואָס דער ראָב וויל אריינקומען, און צווייטענס, צוליעב דעם קאָנטראַסט מיט דער אויסערליכער רוה און שטילקייט פון דעם צימער.

אויך צוליעב דעם עפעקט פון קאָנטראַסט, — אַ קאָנטראַסט צווישען מאַרמאָר און פעדערען, — האָב איך געלאָזען דעם פויגעל זיך זעצען אויף דעם ביוסט פון פאַלאַס; עס דאַרף דערביי פאַרשטאַנען ווערען, אַז פון דעם פויגעל איז געקומען די ס ו ג ע ס ט י אָ ז וועגען דעם ביוסט. דעם ביוסט פון פאַלאַס האָב איך אויסגעקליבען, ערשטענס, ווייל דאָס האָט מעהר האַרמאָנירט מיט דער געלעהרזאַמקייט פון דעם ליעבענדען, און צווייטענס, צוליעב דעם וואוילקלאַנג פון דעם וואָרט „פאַלאַס“ גופא.

און אויך אינמיטען פון דעם געדיכט האָב איך זיך באַנוצט מיט דער קראַפט פון קאָנטראַסט, מיט דער אַבזיכט צו פאַרטיפען דעם שפּעטערען איינדרוק. צום ביישפּיעל, עפּעס פאַנטאַסטישעס, וואָס דערנעהנטערט זיך אַזוי ווייט ווי דאָס איז נאָר ערלויבבאַר צום קאָמישען, ווערט געגעבען דעם אריינטריט פון דעם ראָב. ער קומט אריין אַ שטאָלצער און אַ שטרענגער:

ניט געקלערט גאָר זיך צו נייגען, אין אַ גרום דעם קאָפּ צו בויגען,
און איז גלייך אַרויפגעפלויגען אויף דעם פאַלאַס ביוס אין קווער,
אויף אַ פאַלאַס ביוסט אין ווינקעל איבער׳ן טיר געזיצט אין קווער,
דאָרט אַרויף און גאָרניט מעהר.

אין די צוויי ווייטערע סטראָפעו ווערט מיין אבזיכט נאָך קלאָ־
רער דורכגעפירט:

אנגעקוקט מיין גאַסט דאָרט אויבען, האָב איך שמייכלען אנגעהויבען,
ערנסט און שטרענג אַזוי זיין אויסזעהן איז געווען, זיין יעדער קעהר.
„כאַטש, — זאָג איך, — ביזט גלאַטגעשאָרען, האָסטו זיך דאָ ניט
פאַרלאָרען,
ראָב פון לאַנג פאַרגעסענע יאָהרען, שוואַרצער ראָב פון נאַכטיגען
מער.
זאָג, וואָס איז דיין שטאָלצער נאָמען אין דעם נאַכטיגען פּלוטאָ׳ס
מער!
און דער ראָב זאָגט: קיינמאָל מעהר.

כ׳האָב געוואונדערט זיך אונענדליך, ווי דער ראָב רעדט קלאָר,
פאַרשטענדליך,
כאָטש זיין ענטפער איז געווען פאַר מיר אַ קלאַנג נאָר זינלאָז, לער.
האָט דען גאָט געקענט בעשערען ווען נאָך אין לעבען שווערען,
איהם זאָל מיט באַזוך בעעהרען אין זיין הויז אַ ראָב ווי דער,
זאָל איבער זיין טיר זיך זעצען אַזאַ שוואַרצער ראָב ווי דער
מיט דעם נאָמען „קיינמאָל מעהר"?

נאָכדעם ווי איך האָב אויף אַזאַ אופן צוגעגרייט די ווירקונג
פון דער ענטוויקלונג, ווארף איך באַלד אַוועק דאָס פאַנטאַסטישע
און נעם אנשטאָט דעם דעם טאָן פון טיפסטען ערנסט. די ענדערונג
קומט גלייך מיט דער ערשטער שורה פון דער סטראָף, וואָס געהט
נאָך די אויבען ציטירטע:

דאָך דער ראָב זיצט אויף איין אָרט נאָר אויף דעם ביוסט און רעדט
איין וואָרט נאָר, א. אז. וו.

פון איצט אן שפּאַסט שוין דער ליעבענדער ניט מעהר. ער

זעהט מעהר ניט קיין זאַך, אפילו, וואָס זאָל זיין פאַנטאַסטיש אין דעם ראַב׳ס באַנעמונג. ער רעדט וועגען איהם, ווי וועגען דעם „טרויעריגען, אונפריינדליכען, אונהיימליכען, מאגערען, ביין־פּראַ־פעטישען פויגעל פון אַלטערטום", און פיהלט, ווי דעם פויגעל׳ס „פייערדיגע אויגען" ברענען זיין „אינערסטע הארץ". אַט די ענדער־רונג פון געדאַנק, אָדער פאַנטאַזיע, ביי דעם ליעבענדען האַט די אַבזיכט ארויסצורופען אַן עהנליכע ענדערונג ביים לעזער און ברייג־גען איהם אין די געהעריגע שטימונג פאַר די אייגענטליכע ענטוויק־לונג, וואָס ווערט איצט געפירט אזוי שנעל און דירעקט, ווי מעגליך.

מיט אַט דער אויפלעזונג, מיט דעם ראַב׳ס ענטפער „never-more" אויף דעם ליעבענדען׳ס לעצטע אנפראַגע, אויב ער וועט באַגעגענען זיין געליעבטע אין אַנאַנדער וועלט, איז דאָס געדיכט אין דעם אייגענטליכען זין, ווי אַן איינפאַכע ערציילונג, געענדיגט. ביז איצט איז אַלץ אין די גרענצען פון דעם ערקלערליכען, פון דעם רע־אַלען. אַ ראַב, וואָס האָט זיך אויסגעלערענט ארויסצורייד דאָס איינציגע וואָרט „nevermore", איז אַנטלאָפען פון דער וואַך פון זיין אייגענטימער, ווערט געטריבען פון אַ שטאַרקען שטורעם אינמיטען נאַכט און קלאַפּט אין אַ פענסטער, פון וועלכען עס זעהט זיך נאָך ליכט, — דאָס פענסטער פון אַ געלעהרטען, וואָס איז פאַר־נומען האַלב מיט דעם אינהאַלט פון אַ בוך, האַלב מיט טרוימען וועגן זיין טויטער געליעבטער. אויף דעם שלאָגען פון דעם פויגעל׳ס פליגלען, עפענט ער דאָס פענסטער, און דער ראַב זעצט זיך באַלד אויף דעם באַקוועמסטען אָרט, וואו דער געלעהרטער קען איהם ניט דערגרייכען. אַמוזירט פון דעם אינצידענט און פון זיין באַזוכער׳ס האַלטונג, פרעגט דער געלעהרטער, אין שפּאַס און ניט ערוואַרטענדיג קיין ענטפער, זיין נאָמען. דער ראַב ענטפערט אויף דעם מיט זיין געוויינליכען וואָרט „nevermore", — אַ וואָרט, וואָס געפינט באַלד אַן אָפּקלאַנג אין דעם טרויעריגען הארצען פון דעם געלעהר־טען. די אומשטענדען רופען ביי דעם לעצטען ארויס געוויסע גע־

דאנקען, וואס ער זאגט ארויס אין דער הויך, און ווידער ווערט ער ערשטוינט, ווען דער פויגעל ענטפערט זיין "nevermore". דער געלעהרטער באגרייפט איצט, וואס דאס מיינט; ער ווערט אבער געטריבען, ווי איך האב שוין פריהער ערקלערט, פון דער מענשליכער דורשט צו מאטערען זיך אליין, און טיילווייז פון אבער־גלויבען, וויטער צו שטעלען דעם פויגעל אזעלכע פראגען, וואס וועלען ברייננגען איהם, דעם ליעבענדען, דעם גרעסטען פיין, אין דעם ערוואַרטען ענטפער "nevermore", ווען ער דערגרייכט אזוי מיט דעם לעצטען ענטפער דעם גרעסטען שמערץ אין פייניגען זיך אליין, קומט די ערציילונג צו א נאטירליכען סוף, און אויף אזוי וויט איז דא אין קיין זאך ניט איבערטראַטען געוואָרען דער גרעניץ פון דעם רעאלען.

אבער ווען קונסטווערק ווערען אזוי בעארבייט, איז ווי געשיקט דאס זאל ניט ווערען געטאן, און ווי רייך זיי זאלען ניט זיין אין אינצידענטען, וועט אלעמאל זיין אין זיי א געוויסע הארטקייט אדער נאקעטקייט, וואס שטויסט אפ דאס קינסטלערישע אויג. צוויי זאַכען זיינען שטענדיג נויטיג: ערשטענס, א געוויסע מאס פון קאמ־פלעקסיטעט, אדער בעסער געזאגט, צופאסונג; און צווייטענס, א געוויסע מאס פון סוגעסטיווען גייסט, א געוויסער אונטערשטראָם פון באדייטונג, ווי אונבאשטימט ער זאל ניט זיין. אט דער אונ־טערשטראם, באזונדערס, גיט א קונסטווערק אזוי פיעל יענע *רייכ־קייט*, (נעמענדיג א שטארקען אויסדרוק פון דער אלטעגליכער שפראך), וואס מיר מישען אזוי גערן צונויף מיט דעם *אידע־אלען*. דער *איבערפלוס* און דאס *אונטער־שטרייכען* פון דער געהיימער באדייטונג, מאכען זי פאר דעם אויבערשטראם אנשטאט דעם אונטערשטראם פון דעם ווערק, — אט וואס פארוואנדעלט אין פראזא, און אין פראזא פון דעם פלאַכ־סטען מין, די אזוי גערופענע פאעזיע פון די אזוי גערופענע טראנס־צענדענטאליסטען.

אט די באטראכטונגען האבען מיך געצוואונגען צו שרייבען די צוויי סטראפען, וואס שליסען דאס געדיכט; זייער קראפט פון סו־

געסטיאַן האָט געמוזט דורכדרינגען די גאַנצע פריהעריגע ערציילונג.
דער אונטערשטראָם פון באַדייטונג קומט צוערשט אַרויס אין די
שורות:

נעם דיין שנאָבעל מיר פון האַרצען, כ'וויל אַליין זיין, ווי ביזהער!
און דער ראָב זאָגט: קיינמאָל מעהר.

דאָ קען מען באַמערקען, אַז די ווערטער „מיר פון האַרצען"
גיבען דעם ערשטען מעטאַפאָרישען אויסדרוק אין דעם געדיכט.
אָט די ווערטער און דער ענטפער "nevermore" ברייִנגען דעם
לעזער אויף דעם געדאַנק צו זוכען אַ מאָראַל אין דעם, וואָס איז
פריהער דערציילט געוואָרען. דער לעזער הויבט איצט אָן צו באַ־
טראַכטען דעם ראָב ווי אַן עמבלעם; אָבער ערשט אין דער לעצ־
טער שורה פון דער גאָר לעצטער סטראָפע ווערט קלאָר אַרויסגעבראַכט
די אַבזיכט צו מאַכען דעם ראָב אַן עמבלעם פון **טרויעריגער און קיינמאָל ניט ענדיגענדער ערא ינע־רונג:**

און ביז איצט נאָך זיצט ער, זיצט ער, און מיט זיינע אויגען
בליצט ער
פון דעם בלייכען ביוסט פון פּאַלאַס אויף מיין שוועל פאַרוויסט
און לער.
זיינע בליקען נעמען שטאַרען, ווי אַ שד אין טרוים פאַרלאָרען,
און פון זיין געשטאַלט געבאָרען ווערט אַ שאָטען ברייט און שווער.
און מיין זעל פון יענעם שאָטען, וואָס צושפּרייט זיך ברייט און
שווער,
וועט ניט אויפשטעהן — קיינמאָל מעהר.

שווייגען — אַ פאַבעל

די בערג שפּיצען דרימלען; טאָלען, פעלזען און הייהלען שווייגען.

„הער מיך אויס, — האָט געזאָגט דער דעמאָן, אַרויפלייגענדיג זיין האַנט אויף מיין קאָפּ. — דאָס לאַנד, וועגען וועלכען איך רעד דאָ, איז אַ טרויעריג לאַנד אין ליביען, ביי די ברעגען פון דעם טייך זאאיר. און קיין רוה איז דאָרט ניטאָ און קיין שווייגען.

„די וואַסערען פון טייך האָבען אַ זאַפראַן־געלע, קרענקליכע פאַרב; און זיי שטראָמען ניט. ווייטער צום ים, נאָר שטעלען זיך אייביג אויף אונטער דעם רויטען אויג פון דער זון מיט אַ שטורמיגער און קאָנוואולסיווער באַוועגונג. אויף יעדער זייט פון דעם ליימיגען בעט פון טייך ציהט זיך מיילען ווייט אַ בלייכע וויסט פון ריזיגע וואַסער ליליען. זיי זיפצען איינע צו דער אַנדערער אין דער איינזאַמקייט, שטרעקען אויס צום הימעל זייערע לאַנגע געשפּענסטיגע העלזער און שאָקלען הין און צוריק זייערע אונפאַרגענגליכע קעפּ. און אַ פאַרשטיקט מורמלען קומט פון זיי אַרויס, ווי פון דעם ברויזען פון אַן אונטערערדישען וואַסער. און זיי זיפצען איינע צו דער אַנדערער.

„אָבער זייער קעניגרייך האָט אַ גרעניץ, דער גרעניץ איז אַ טונקעלער, שרעקליכער, הויכער וואַלד. די נידריגע בוימלאַך זיינען, ווי די וועלען ארום די העברידען, אין אייביגער באַוועגונג. און דאָך רעגט זיך ניט קיין ווינט אונטער׳ן הימעל. און די הויכע בוימער פון דעם אוראַלטען וואַלד וויגען זיך אייביג הין און הער מיט אַ מעכטיגען ברויזען. און פון די הויכע שפּיצען פאַלען איינער נאָכ׳ן אַנדערען טראָפּענס פון אייביגען טוי. און אַרום זייערע וואָרצלען וויקלען זיך זונדערבאַרע גיפטיגע בלומען אין אונרוהיגען שלומער.

און איבער זייערע קעפּ איילען אלץ די גרויע וואָלקענס צו וועסט, ביז זיי פאַלען אַראָפּ ווי אַ קאַטאַראַקט איבער די פייערינגע וואַנט פון האָריזאָנט. אָבער קיין ווינט רעגט זיך נים אונטער׳ן הימעל. און ביי די ברעגען פון דעם טייך זאַאיר איז ניטאָ ניט קיין רוה, ניט קיין שווייגען.

„נאַכט איז געווען און אַ רעגען איז געפאַלען; און אין פאַלען איז דאָס געווען רעגען, אָבער נאָכ׳ן פאַלען איז דאָס געווען בלוט. און איך בין געשטאַנען אין זומפּ אונטער די הויכע ליליען, און דער רעגען איז געפאַלען אויף מיין קאָפּ, און די ליליען האָבען געזיפצט איינע צו דער אַנדערער אין דער פייערליכקייט פון זייער פאַרלאָ־זענקייט.

„און פּלוצלונג איז די לבנה אויפגעגאַנגען דורך דעם דינעם גייסטערהאַפטען נעבעל און איז געווען רויט געפאַרבט. און מיין בליק איז געפאַלען אויף אַ געוואַלטיגען גרויען פעלז, וואָס איז גע־שטאַנען ביים ברעג פון טייך און איז געווען באַלויכטען פון לבנה שיין. און דער פעלז איז געווען גרוי און פינסטער און הויך, — און דער פעלז איז געווען גרוי. אויף זיין שטיינערנעם שטערן זיינען געווען איינגעקריצט בוכשטאַבען; און איך בין געגאַנגען דורך דעם זומפּ פון וואַסער ליליען, ביז איך בין געקומען נאָהנט צום ברעג, צו לעזען די אויפשריפט אויפ׳ן שטיין. איך האָב זי אָבער ניט גע־קענט ענטציפערען. און איך בין ווידער געגאַנגען דורך דעם זומפּ צוריק, ווען די לבנה האָט אויפגעלויכט נאָך רויטער; און איך האָב זיך אומגעקערט און ווידער אַ קוק געטאָן אויפ׳ן פעלז און אויף די אויפשריפט. און די אויפשריפט איז געווען — פ אַ ר ל אָ ז ע נ־ ק י י ט.

„און איך האָב אַרויפגעבליקט, און אַ מאַן איז געשטאַנען אויפ׳ן שפּיץ פון פעלז; און איך האָב זיך באַהאַלטען צווישען די וואַסער ליליען, צו זעהן די באַוועגונגען פון דעם מאַן. און דער מענש איז געווען הויך און שלאַנק, און פון די אַקסלען ביז צו די פיס איז ער געווען איינגעהילט אין אַן אַלטרוימישע טאָגאַ. און די שטריכען פון זיין פיגור זיינען געווען אונקלאָר, אָבער זיינע צוגען זיינען גע־

וועו די צונגען פון א גאָטהייט; ווייל דער שלייער פון דער נאַכט און פון דעם נעבעל און פון דער לבנה און פון דעם טוי האָט ניט פאַרדעקט די צונגען פון זיין געזיכט. און זיין שטערן איז געווען הויך און געדאַנקענפול, און זיין בליק איז געווען שטאַרק באַזאָרגט און ווילד; און די עטליכע קנייטשען אויף זיינע באַקען האָבען דער־צעהלט וועגען קומער און מידקייט און עקעל צו מענשען און בענק־שאַפט נאָך איינזאַמקייט.

„און דער מאַן האָט זיך געזעצט אויפ'ן פעלז, האָט אָנגעלעהנט דעם קאָפּ אויף אַ האַנט און האָט געקוקט אויף די פאַרוויסטונג אַרום. ער האָט אַראָפּגעקוקט צו די נידריגע אונרוהיגע בוימלאַך, און אַרויף צו די הויכע בוימער פון דעם אוראַלטען וואַלד, און נאָך העכער צום רוישיגען וואָלקען און אין די רויטע לבנה. און איך בין געלעגען פאַרבאָרגען צווישען די ליליען און האָב נאָכגעקוקט די באַוועגונגען פון דעם מאַן. און דער מאַן האָט געציטערט אין דער איינזאַמ־קייט, — אָבער די נאַכט איז אַלץ בלייכער געוואָרען, און ער איז געזעסען אויפ'ן פעלז.

„און דער מאַן האָט אָפּגעווענדט זיינע אויגען פון דעם הימעל און האָט אַראָפּגעבליקט אויפ'ן טריבען טייך זאַאיר, און אויף די געלע אונהיימליכע וואַסערען, און אויף די בלייכע לעגיאָנען פון וואַסער־ליליען. און דער מאַן האָט זיך צוגעהערט צו די זיפצען פון די וואַסער־ליליען און צו דעם מורמלען, וואָס איז אַרויפגעקומען פון צווישען זיי. און איך בין געלעגען באַהאַלטען און האָב באַאָב־אַכט די באַוועגונגען פון דעם מאַן. און דער מאַן האָט געציטערט אין דער איינזאַמקייט, — אָבער די נאַכט איז אַלץ בלייכער געוואָ־רען, און ער איז געזעסען אויפ'ן פעלז.

„דאָן בין איך אַראָפּגעגאַנגען אין די טיפען פון זומפּ און גע־וואַנדערט אין דער ווילדערניש פון די ליליען און גערופען די היפּאָ־פּאָטאַמען, וואָס וואוינען אין די טיפען פון זומפּ. און די היפּאָפּאָ־טאַמען האָבען געהערט מיין רוף און זיינען געקומען מיט די בעהע־מאָטען ביז צום פוס פון דעם פעלז און האָבען געברילט הויך און פירכטערליך אונטער דער לבנה. און איך בין נאָך אַלץ געלעגען

פאַרבאַרגענ און באַאבאַכט די באַוועגונגען פון דעם מאַן. און דער מאַן האָט געציטערט אין דער איינזאַמקייט, — אָבער די נאַכט איז אַלץ בלייכער געוואָרען, און ער איז געזעססען אויפ׳ן פעלזן.

„דאַן האָב איך געשאָלטען די עלעמענטען מיט דער קללה פון אויפשטאַנד; און א פורכטבאַרער שטורעם האָט זיך אויפגעהויבען אין הימעל, וואו ביז איצט האָט זיך ניט גערעגט קיין ווינט. און דער הימעל איז געוואָרען בלייאיגער פון דער געוואַלט פון שטורעם — און דער רעגען האָט געקלאַפּט אויפ׳ן קאָפּ פון דעם מאַן — און דאָס וואַסער פון טייך איז ארויסגעטראָטען פון די ברעגען — און דער טייך איז געקוועלט געוואָרען ביז שוים — און די וואַסער־ליליען האָבען אויפגעשריען אין זייערע בעטען — און דער וואַלד איז צוברעקעלט געוואָרען אין דעם שטורעמווינט — און דער דונער האָט זיך געטראָגען — און דער בליץ האָט געצוקט — און דער פעלזן האָט זיך געוויגט ביז צום באָדען. און איך בין געלעגען באַהאַלטען און האָב באַאָבאַכט די באַוועגונגען פון דעם מאַן. און דער מאַן האָט געציטערט אין דער איינזאַמקייט, — אָבער די נאַכט איז אַלץ בלייכער געוואָרען, און ער איז געזעססען אויפ׳ן פעלזן.

„דאַן האָט מיך א צאָרן אָנגענומען, און איך האָב פארשאָלטען מיט דער קללה פון שווייגען דעם טייך און די ליליען און דעם ווינט און דעם וואַלד און דעם הימעל און דעם דונער און די זיפצען פון די וואַסער־ליליען. און די קללה האָט געטראָפען, און ז י י ז י י ־ נ ע ן ג ע װ א ָ ר ע ן ש ט י ל. און די לבנה האָט אויפגעהערט צו וואַקלען אויף איהר וועג אין הימעל — און דער דונער איז אָפּגעשטאָרבען — און דער בליץ האָט מעהר ניט געצוקט — און די וואָלקענס זיינען געהאַנגען אָהן באַוועגונג — און דאָס וואַסער האָט צוריק געשטראָמט צו זיין בעט און איז דאָרט געבליבען — און די בוימער האָבען אויפגעהערט זיך צו וויגען — און די וואַסער־ליליען האָבען מעהר ניט געזיפצט — און קיין מורמלען איז מעהר ניט געקומען פון זיי, און אפילו ניט קיין שאָטען פון קלאַנג דורך די אונגעהויערע, אונענדליכע וויסט. און איך האָב אויפגעבליקט צו דער

אויפשריפט אויפ'ן פעלז, און די בוכשטאבען זיינען געווען געענ־
דערט; און די בוכשטאבען זיינען געווען — ש ו ו י י ג ע ן.

„און מיינע בליקען זיינען געפאלען אויף דאס געזיכט פון דעם
מאן, און זיין געזיכט איז געווען בלייך פאר שרעק. און האסטיג
האט ער אויפגעהויבען זיין קאפ פון דער האנט און איז געשטאנען
גלייך אויפ'ן פעלז און האט זיך צוגעהערט. אבער קיין קלאנג איז
ניט געקומען דורך די אונגעהויערע, אונענדליכע וויסט, און די אויפ־
שריפט אויפ'ן פעלז איז געווען ש ו ו י י ג ע ן. און דער מאן
האט געציטערט און האט אפגעקערט זיין געזיכט און איז האסטיג
אוועק, און איך האב איהם מעהר ניט געקענט זעהן."

* * *

שעהנע ערציילונגען זיינען פאראן אין די ביכער פון די מאַ־
גיער, אין די מיט אייזען באשלאגענע, טרויעריגע ביכער פון די מאַ־
גיער. אין זיי, זאג איך, זיינען פאראן רוהמרייכע געשיכטען פון
דעם הימעל און פון דער ערד און פון דעם מעכטיגען ים און פון די
גייסטער, וואס האבען בהערשט דעם ים און די ערד און דעם הוי־
כען הימעל. עס איז אויך פאראן א סך וויזהייט אין שפרוכען,
וואס די סיבילען האבען ארויסגעבראכט; און הייליגע, הייליגע זאַ־
כען האבען אמאל פארנומען די טונקעלע בלעטער, וואס האבען גע־
רוישט ארום דאדאנא; אבער, אזוי וואהר ווי אללאה לעבט, די
פאבעל, וואס דער דעמאן האט מיר דערציילט, זיצענדיג ביי מיין
זייט אין דעם שאטען פון קבר, האלט איך פאר די וואונדערליכסטע
פון אלע! און ווען דער דעמאן האט געענדיגט זיין געשיכטע, איז
ער אראפגעפאלען אין די טיף פון קבר און האט גענומען לאכען. און
איך האב ניט געקענט לאכען מיט דעם דעמאן, און ער האט מיך
פארשאלטען, ווייל איך האב ניט געקענט לאכען מיט איהם. און
די לוקס, וואס וואוינט אייביג אין דעם קבר, איז ארויסגעקומען און
האט זיך געלעגט ביי די פיס פון דעם דעמאן און האט איהם אונ־
באוועגליך געקוקט אין געזיכט.

שאָטען — א פּאראַבעל.

אויך ווען איך וואַנדער דורך דעם טאָל פון שאָטען.
תהלים.

איהר, וואָס לעבט, זייט נאָך צווישען די לעבעדיגע; אָבער איך, וואָס שרייב, וועל שוין לאַנג האָבען דורכגעגאַנגען מיין וועג צו דעם קעניגרייך פון שאטען. ווייל זונדערבאַרע זאַכען וועלען געשעהן, און געהיימניסען וועלען אויפגעדעקט ווערען, און א סך יאָהרהונדערטער וועלען פּאַראיבערגעהן, איידער מענשען וועלען זעהן אָט די נאָטיצען. און ווען דאָס וועט געלעזען ווערען, וועלען איינינע ניט גלויבען, איינינע וועלען צווייפלען און נאָר וועניגע וועלען געפינען זעהר פיעל נאָכצודיינקען איבער די שריפט צוגען, וואָס זיינען דאָ איינגעקריצט געוואָרען מיט אַן אייזערנעם גריפעל.

דאָס יאָהר איז געווען אַ יאָהר פון שרעקען און פון נאָך אינ־טענסיווערע געפיהלען, פאַר וועלכע עס איז ניטאָ קיין נאָמען אויף דער ערד. ווייל געשעהן זיינען א סך וואונדער און צייכענס, און וויט און ברייט, איבער לאַנד און ים האָט די פעסט אויסגעשפּרייט איהרע שווארצע פליגלען. פאַר די אָבער, וואָס קענען לעזען אין די שטערען, איז ניט אונבאַקאַנט געווען, אַז די הימלען האָבען ניט אָנגעזאָגט קיין גוטס; און צוזאַמען מיט אַנדערע האָב איך, דער גריך אינאָס, איינגעזעהן, אַז איצט איז אָנגעקומען דאָס זיבען הונ־דערט פיער און ניינצינסטע יאָהר, ווען, ביים אויפגאַנג פון אַריעס, דער פּלאַנעט יופּיטער האָט זיך פאַראייניגט מיט דעם רויטען רינג פון דעם שרעקליכען סאַטורנוס. דאָס זונדערבאַרע, וואָס האָט דורכגעדרונגען די הימלען, האָט זיך ארויסגעשטעלט, אויב איך האָב נאָר קיין טעות ניט, ניט נאָר אין דעם אויסערליכען אויסזעהן פון דער ערד, נאָר אויך אין די זעלען, פאַנטאַזיען און געדאַנקען פון די מענשען.

ביי עטליכע פלאשען רויטען כיאס וויין זיינען מיר בייַנאכט געזעסען, א קאמפאניע פון זיבען, אין א הויכען זאל, אין א טריבער שטאט, וואס הייסט פטאלעמאיס. און קיין אנדער אריינגאנג צו אונזער צימער איז ניט געווען, ווי נאר א הויכע קופערנע טיר; און די טיר איז געמאכט געווארען פון דעם קינסטלער קארינאס, און געווען פון זעלטענער ארבייט און האט זיך פארשלאסען פון אינוועניג. שווארצע דראפירונגען זיינען געהאנגען ארום אין דעם טונקעלען צימער און האבען פארבארגען פון די אויגען די לבנה, די בלייכע שטערען און די לערע גאסען; דאך די אהנונג און די עריגערונג אן דאס אונגליק האבען זיך ניט געלאזען אויסשליסען. און זאכען זיינען געווען ארום אונז, פון וועלכע איך קען ניט געבען קיין דייטליכע שילדערונג, — קערפערליכע און גייסטיגע זאכען, — א שווערקייט אין דער אטמאספער האט אונז געשטיקט — אן אנגסט האבען מיר געפיהלט, — און מעהר פון אלץ יענער שרעקליכער צושטאנד פון עקזיסטירען, ווען די חושים זיינען אויסערגעוויינליך פארשארפט און וואכזאם און ווען דער געדאנק שלומערט. א טויטע שווערקייט איז געהאנגען איבער אונז. זי איז געלעגען אויף אונזערע גלידער, אויף די געגענשטאנדען אין צימער, אויף די בעכער, פון וועלכע מיר האבען געטרונקען. און זי האט אראפגעדריקט אלע זאכען ארום אונז, אלץ, אויסער די פלאמען פון די זיבען אייזערנע לאמפען, וואס האבען באלויכטען אונזער טרינק ארט. די פלאמען זיינען געשטיגען אין לאנגע, דינע ליכטשטרייפען און האבען אלע געברענט גלייך און אונבאוועגליך; און אין דעם שפיגעל, וואס זייער ליכט האט פארמירט אויף דעם רונדען טיש פון עבענהאלץ, ארום וועלכען מיר זיינען געזעסען, האט יעדערער פון אונז, פארזאמעלטע דא, דערזעהן די בלייכקייט פון זיין אייגענעם אנבליק און דעם אונרוהיגען פייער אין די אראפגעלאזענע אויגען פון זיינע פריינד. דאך האבען מיר געלאכט און זיינען געווען לוסטיג אויף אונזער אייגענעם שטייגער, — היסטעריש לוסטיג; און מיר האבען געזונגען די לידער פון אנאקרעאן, וואס זיינען וואהנזין; און מיר האבען געטרונקען אונאויפהערליך, כאטש דער פורפורנער וויין

האָט אונז דערמאַנט אָן בלוט. ווייל נאָך א גאַסט איז געווען אין אונזער צימער, דער יונגער זאָאילוס. טויט און אויסגעשטרעקט איז ער דאָ געלעגען, איינגעהילט אין א טויטען־טוך, — דער גייסט, דער דעמאָן פון דעם אָרט. אַך, ער האָט זיך ניט באַטייליגט אין אונזער פרייליכקייט, אויסער וואָס זיין אנבליק, צוקרימט פון דער פעסט, און זיינע אויגען, אין וועלכע דער טויט האָט נאָר האַלב אויסגעלאָשען דעם פייער פון דער פעסט, האָט זיך אין אונזער פרייליכקייט באַטייליגט אַזוי ווייט ווי טויטע קענען נאָר זיך בעטייליגען ביי די, וואָס מוזען באַלד שטאַרבען. אָבער כאָטש איך, אֵינאָס, האָב געפיהלט, אַז די אויגען פון די געשטאָרבענע האָבען גערוהט אויף מיר, האָב איך מיך דאָך געצוואונגען ניט צו באַמערקען זייער ביטערען אויסדרוק און האָב אַלץ געשטאַרט אַראָפּ אין די טיפען פון דעם שפּיגעל פון עבענהאָלץ און געזונגען מיט א הויכער און פולער שטים די לידער פון דעם זוהן פון טעיאָס. אָבער ביסלעכווייז האָבען מיינע לידער אויפגעהערט, און זייער עכאָ האָט פאַרקלונגען ווייט אין די טונקעלע דראַפּירונגען פון צימער, איז געוואָרען שוואַך און אונדייטליך און איז אינגאַנצען פאַרשוואונדען. און זעהט! פון יענע טונקעלע דראַפּירונגען, אין וועלכע די טענער פון דעם ליעד זיינען פאַרשוואונדען, איז ארויסגעקומען אַ טונקעלער, אונדייטליכער שאָטען, — א שאָטען, ווי די לבנה, ווען זי שטעהט נידריג אין הימעל, וואָלט געמאַכט פון אַ געשטאַלט פון אַ מענשען: דאָס איז אָבער ניט געווען קיין שאָטען ניט פון אַ מענשען, ניט פון א גאָט, ניט פון אַ וועלכער עס איז באַקאַנטער זאַך. און ער האָט געציטערט אַ ווייל צווישען די דראַפּירונגען פון צימער און איז ענדליך געבליבען שטעהן פאַר אונזערע אויגען אויף דער קופּערנער טיר. אָבער דער שאָטען איז געווען אונדייטליך און פאָרמלאָז און אונבאַשטימט און איז ניט געווען קיין שאטען פון אַ מענשען אָדער א גאָט, — אַ גריכישען גאָט, אַ כאַלדעאישען אָדער א גאָט פון מצרים. און דער שאָטען איז געבליבען אויף דער קופּערנער טיר, אונטער דעם בויגען פון איהר פריז, און האָט זיך ניט געריהרט און ניט ארויסגעזאָגט קיין וואָרט, נאָר איז דאָרט געשטאַנען און איז געבליבען שטעהן,

און די טיר, אויף וועלכער דער שאַטען האָט גערוהט, איז געווען, אויב איך געדענק נאָר גוט, אנטקעגען די פיס פון דעם יונגער, אין א טויטען־טוך איינגעהילטען זאַאילוס. אָבער מיר, די זיבען פאַר־זאַמעלטע, האָבען געזעהן ווי דער שאָטען איז ארויסגעקומען פון די דראַפּירונגען, האָבען ניט געוואַגט צו קוקען אויף איהם גלייך, נאָר האָבען אראָפּגעלאָזען די אויגען און האָבען אַלץ געשטאַרט אין די טיפען פון דעם שפּיגעל פון עבענהאָלץ.

און ענדליך האָב איך, אינאָס, געזאָגט עטליכע שטילע ווערטער און געפרעגט דעם שאָטען וועגען זיין היימאַט און זיין נאָמען. און דער שאָטען האָט געענטפערט: „איך בין דער שאָטען, און מיין היימאַט איז נאָהנט ביי די קאַטאַקאָמבען פון פּטאָלעמאַיס און האַרט ביי דעם טונקעלען פלאַכלאַנד פון עליזיאָן, וואָס גרעניצט מיט׳ן טריבען כאַראָן“.

און דאַן האָבען מיר, די זיבען, זיך אויפגעהויבען אין שרעק פון אונזערע ערטער און זיינען געשטאַנען און געציטערט. ווייל דער קלאַנג פון דעם שאָטענס שטים איז ניט געווען דער קלאַנג פון איין באַשעפעניש, נאָר פון א סך; און דער טאָנפאַל, ענדערענדיג זיך פון זילב צו זילב, איז טריב געפאַלען אויף אונזערע אויערען מיט דעם גוט באַקאַנטען שטימקלאַנג פון טויזענדער און טויזענדער פריינד, וואָס זיינען פון אונז אוועק.

דער פעיען־אינזעל.

"La musique", — זאגט מארמאנטעל אין זיינע "Contes Moraux" (וואס אלע אונזערע איבערזעצער ווילען אנ־רופען ניט אנדערש ווי „מאראלישע געשיכטען“, אזוי ווי שפאטענ־דיג פון זייער גייסט) — "La musique est le seul des talentes qui jouissent de lui-même; tous les autres veulent des temoins." ער צומישט דאס פארגעניגען, וואס מען באקומט פון אנגענעמע טענער, מיט דער פעהיגקייט זיי צו באַ־שאפען. ווייל דער „טאלאנט“ פאר מוזיק איז ניט מעהר פון וועל־כען עס איז אנדערען „טאלאנט“ אימשטאנד צו געבען פארגעניגען פאלשטענדיג, ווען עס איז ניטא קיין צווייטע פערזאן צו פארנעמען און אפשאצען די אויספיהרונג. און נאר צוזאמען מיט אנדערע טא־לאנטען קען די מוזיק ארויסברענגען ווירקונגען, וואס זאלען קענען פאלשטענדיג פארנומען ווערען אין איינזאמקייט. דער גרונד געדאנק, וואס מארמאנטעל האט ניט קלאר גענוג אויסגע־דריקט, אדער וועמעס אויסדרוק ער האט אויפגעאפערט צוליעב זיין פראנצויזישער פארליעבע צו „גייסטרייכקייט“, איז אהן צווייפעל דער גאנץ אננעמבארער געדאנק, אז די העכערע מוזיק קען אם בעס־טען אפגעשאצט ווערען, ווען מיר זיינען אינגאנצען אליין. אין אט דער פארם וועט די באהויפטונג זיין אננעמבאר פאר אלעמען, וואס ליעבען די לירא צוליעב איהר אליין און צוליעב איהרע גייסטיגע נוצען. עס איז אבער פאראן נאך איין פארגניגען, — און אפשר דאס איינציגע, — וואס איז צוגענגליך פאר דער ארימער מענשהייט און וואס ווערט נאך מעהר ווי דאס פארגניגען פון מוזיק דערהויבען פון דעם געפיהל פון איינזאמקייט. איך מיין דאס גליק, וואס מיר פיהלען ביים באטראכטען א לאנדשאפט. אין דער אמת'ען, ווייל א מענש באטראכטען גאט'ס הערליכקייט אויף דער ערד, מוז ער זי

באַטראַכטען אין איינזאַמקייט. פאַר מיר, וועניגסטענס, איז די
אַנוועזענהייט ניט נאָר פון מענשליכען לעבען, נאָר פון לעבען
בכלל, אין וועלכער ניט איז אַנדערער געשטאַלט, ווי דאָס
גרינס, וואָס וואַקסט אויף דער ערד און איז שטום, אַ פלעק
אויף דעם לאַנדשאַפט, אַ פיינד פאַר דעם גייסט, וואָס וואוינט דאַ.
איך האָב ליעב צו באַטראַכטען די טונקעלע טאָלען, און די גרויע פעל־
זען, און די וואַסערען, וואָס שמייכלען שווייגענדיג, און די וועלדער,
וואָס זיפצען אין אונרוהיגען שלומער, און די שטאָלצע, וואַכזאַמע
בערג, וואָס קוקען אַראָפּ אויף דאָס אַלץ. איך האָב ליעב צו באַ־
טראַכטען אַט די זאַכען פאַר דאָס, וואָס זיי זיינען: ריזיגע גליעדער
פון איין אונגעהויערען לעבעדיגען און פיהלענדען גאַנצען, וועמעס
פאָרם, — אַ ספערען פאָרם, — איז די פאָלקאָמסטע און אַלאומפאַ־
סענדסטע; וועמעס וועג איז צווישען די אַנדערע פּלאַנעטען; ווע־
מעס באַשיידענע באַדינערין איז די לבנה, אונטער דער הערשאַפט
פון דער זון; וועמעס לעבען איז די אייביגקייט; וועמעס געדאַנק
איז דער געדאַנק וועגען אַ גאָט; וועמעס פאַרגניגען איז וויסען;
וועמעס שיקזאַל ווערט פאַרלאָרען אין דער אונענדליכקייט; אַ גאַנ־
צעס, פאַר וועמען מיר זיינען דאָסזעלבע, וואָס די animalculae
אין אונזער מאָרך זיינען פאַר אונז, — די קליינע באַשעפענישען,
וואָס מיר מוזען באַטראַכטען ווי לעבענסלאָזען שטאָף, פונקט ווי די
זעלביגע animalculae מוזען באַטראַכטען אונז.

אונזערע טעלעסקאָפּען און אונזערע מאַטעמאַטישע אויספאָר־
שונגען פאַרזיכערען אונז אין יעדען איינצעלנעם פונקט, — ניט קו־
קענדיג אויף די רעד פון די אונוויסענדערע גייסטליכע, — אַז רוים,
און פאָלגליך אויך דער גאַנצער שטאָף, האָט אַ וויכטיגע באַדייטונג
אין די אויגען פון דעם אַלמעכטיגען. די קרייזען, אין וועלכע די
שטערען באַוועגען זיך, זיינען אַם בעסטען צוגעפּאַסט צו דער עוואָ־
לוציאָן, אַזוי אַז די גרעסטע צאָהל קערפּער וועלען אויף זייער וועג
ניט קומען אין קאָליזיאָן. די פאָרם פון יענע קערפּער איז גענוי אַזאַ,
אַז זי האַלט אין זיך, אין דער געגעבענער אויבערפלאַך, די מעג־
ליכסט גרעסטע מאַסע שטאָף; און די אויבערפלאַכען אַליין זיינען

אזוי באשאפען, אז זיי קענען אויפנעמען א גרעסערע צאָהל באוואוי־
נער, ווי ווען זיי וואָלטען געווען אנדערש פאָרמירט. אויך איז דאָס
ניט קיין ארגומענט אנטקעגען דעם געדאנק, אז דער שטאָף האָט א
באדייטונג אין גאָט'ס אויגען, וואָס דער רוים אליין איז אונענדליך;
ווייל עס קען דאך זיין אן אונענדליכקייט פון שטאָף אָנצופילען דעם
רוים. און אזוי ווי מיר זעהען איין קלאָר, אז די באלעבונג פון מאַ־
טעריע איז א פרינציפּ, — אין דער אמת'ען, ווי ווייט מיר קענען
אורטיילען, דער ל י ט ע נ ד ע ר פרינציפּ אין דעם ווירקען פון
דער גאָטהייט, — איז עס קוים לאָגיש פאָרצושטעלען זיך, אז אַט
דער פרינציפּ איז באשרענקט אויף די רעגיאָנען פון
דעם קליינעם, וואו מיר קענען איהם נאָכפאָלגען יעדען טאָג,
און דרינגט ניט דורך אויך דאָס ערהאבענע. אזוי ווי מיר געפינען
קרייזען אין קרייזען אָהן א סוף, און אלע דרעהען זיך ארום איין
אונענדליך ווייטען מיטעלפּונקט, דעם קאָפּ פון דער גאָטהייט, קע־
נען מיר דען אנאלאָגיש ניט אָננעמען די עקזיסטענץ פון לעבען אין
לעבען, דאָס קלענערע אין דעם גרעסערען, און אלע אין דעם געטלי־
כען גייסט? קורץ, מיר האָבען א טעות, ווען מיר גלויבען אין נאָ־
רישער זעלבסט־איבערשאצונג, אז דער מענש איז זיין צייטליכער
אָדער צוקונפטיגער ענטוויקלונגס פאָרם האָט א גרעסערע וויכטיג־
קייט אין דער וועלט, איידער א שטיקעל לאנד, וואָס ער אקערט און
פאראכט, און אין וועלכער ער געפינט ניט קיין נשמה פון ניט קיין
טיפערען גרונד, ווי אז ער זעהט ניט איהר לעבעדיגע ווירקונג.*)

אַט די און עהנליכע געדאנקען האָבען געגעבען מיינע באַ־
טראַכטונגען אין די בערג און וועלדער, אויף די ברעגען פון טייכען
און פון דעם ים א ריכטונג, וואָס די אלטעגליכע וועלט וואָלט זיכער
אנגערופען פאנטאסטיש. זעהר אָפט האָב איך פארשענד און איינ־
זאַם דורכגעוואנדערט אזעלכע געגענדען; און דער אינטערעס, מיט
וועלכען איך האָב געוואנדערט דורך א סך טונקעלע, טיפע טאָלען,

---

*) פּאָמפּאָניוס מעלאַ זאָגט אין זיין טראַקטאַט „דע סיטו אָרביס“
„אָדער די וועלט איז אַ גרויסע חיה, אָדער...“ א. אז וו.

אדער האָב באַטראַכט אַ סך שימערענדע לאַנדזעען, וואו דער הימעל האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט, איז נאָך מעהר פאַרטיפט געוואָרען ביי דעם געדאַנק, אַז איך וואַנדער אַ ל י י ן, באַטראַכט אַ ל י י ן. וועלכער פלוידערישער פראַנצויז *) האָט דאָס געזאָגט, באַרופענדיג זיך אויף דאָס גוט באַקאַנטע ווערק פון צימערמאַן, אַז "La solitude est une belle chose; mais il faut quelqu'un pour vous dire que la solitude est une belle chose?" קענען דעם עפּיגראַם איז ניטאָ וואָס איינצואווענדען; אָבער די נויטוועגדיגקייט איז אַ זאַך, וואָס עקזיסטירט ניט.

אויף איינער פון מיינע איינזאַמע וואַנדערונגען אין אַ וויטען געגענד, אַרומגערינגעלט און דורכגעקרייצט פון בערג, פאַרביי טרויעריגע טייכען און טונקעלע, שלאָפענדע לאַנדזעען, בין איך געקומען צו אַ קליינעם טייכעל און אַן אינזעל. דאָס איז געשעהן פּלוצלונג איינמאָל אין דעם גרינעם יוני. איך האָב זיך געוואָרפען צו דער ערד, אונטער די צווייגען פון אַן אונבאַקאַנטען דופטיגען בוש, צו קענען אָפּרוהען, באַטראַכטענדיג דעם לאַנדשאַפט. איך האָב געפיהלט, אַז נאָר אַזוי דאַרף איך דעם לאַנדשאַפט באַטראַכטען, אַזאַ מין צויבער איז אין דעם געווען.

פון אַלע זייטען, אויסער פון וועסט, וואו די זון האָט זיך שוין גענייגט צום אונטערגאַנג, האָבען זיך אויפגעהויבען די גרינע ווענט פון דעם וואַלד. דער קליינער טייך, וואָס האָט געמאַכט אַ שאַרפען בויג און האָט פּלוצלונג זיך באַהאַלטען פון אויג, האָט געשיינט ניט צו האָבען קיין אויסוועג פון זיין געפענגניס, נאָר צו ווערען פאַרלאָרען אין דער טיף פון די גרינע בלעטער פון בוימער אין אָסט; און אויף דער אַנטקעגענדיגער זייט, — אַזוי ווענינגסטענס האָט מיר אויסגעוויזען, ווען איך בין דאָרט געלעגען און האָב געקוקט אַרויף, — האָט אַ רייכער גאָלדיג־רויטער וואַסערפאַל שטיל און אָהן אויפהער זיך געגאָסען פון די וועסטליכע ליכט קוואַלען פון הימעל אַראָפּ אין טאָל.

---

*) באַלזאַק, איך געדענק ניט גענוי די ווערטער.

ארום דעם מיטעלפונקט פון דעם לאַנדשאַפט, וואָס מיין טרוי־מענדער בליק האָט פארנומען, האָט גערוהט אין שוים פון דעם טייך דער קליינער, רונדער, איבער־רייך באַגרינטער אינזעל.

„ס'האָבען ברעג און שאָטען אויסגעמישט
געשיינט צו הענגען אין דער לופט.“ —

אזוי שפּיגעל־עהנליך איז געווען דאָס גלאָזיגע וואַסער, אז עס איז קוים מעגליך געווען צו זאָגען, ביי וועלכען פונקט פון דעם סמאַראַגדענעם אפהאַנג זיין קריסטאַלען קעניגרייך האָט זיך אָנגעהויבען.

מיין פּאָזיציאָן האָט מעגליך געמאַכט פאַר מיר ארומצונעמען מיט איין בליק דעם אָסטליכען און וועסטליכען עק פון דעם קליינעם אינזעל, און איך האָב באַמערקט זונדערבאַר באַצייכענטע געגענזאַצען. דער וועסט איז אינגאַנצען געווען א שטראַלענדער האַרעם פון גאָרטען שעהנהייטען. ער האָט געגליהט און זיך גערויטעלט אונטער די קרומע זון־שטראַהלען, און זיינע בלומען האָבען צוויבער־האַפט געשמייכעלט. דאָס גראָז איז געווען קורץ, לייכט באַוועגט, דופטיג און באַשפּרינקעלט מיט אַספאַדעלען. די בוימער זיינען געווען בוינזאַם, גלייך, העל, שלאַנק און גראַציעז, האָבען געהאַט אַן אָריענטאַלישען אויסזעהן און בלעטערווערק, מיט א ווייסער, לויכ־טענדער און פארביגער קאָרע. א טיף געפיהל פון לעבען און פרייד האָט געשיינט אַלץ דורכצודרינגען; און כאָטש קיין ווינטעל האָט ניט געבלאָזען, איז דאָס בילד געווען שטיל באַלעבט פון דעם ווייסען פלאַטערען פון אַהן א צאָהל שמעטערלינגען, וואָס וואָלטען געקענט אַנגענומען ווערען פאַר באַפליגעלטע בלומען.*)

דער אָסטליכער עק פון דעם אינזעל איז געווען פאַרבאָרגען אין דעם טיפסטען שאָטען. א טונקעלע, אָבער שעהנע און פרידליכע מעלאַנכאָליע האָט דאָ דורכגעדרונגען אַלצדינג. די בוימער זיינען

*) Florem putares mare per liquidum aethera.—P. Commire.

געוועז פון טונקעלעז קאליר און טרויעריג איז געשטאלט און האל־טונג; זיי האבען זיך געפלאכטען אין טרויעריגע, פייערליכע און גייסטערהאפטע געשטאלטען, וואס האבען דערמאנט אן טויט־שמערץ און פריצייטיגען טויט. דאס גראז האט געהאט די טיפע פארב פון א ציפרעס; די שפיצען פון די בלעטער זיינען הילפלאז אראפגעהאנגען. דא און דארט אין דעם גראז האבען זיך אויפגע־הויבען קליינע בערגלעך, נידריגע, שמאלע און ניט לאנגע, וואס האבען אויסגעזעהן ווי קברים, זיינען דאס אבער ניט געווען, כאטש די ראוט און דער ראזמארין זיינען אויף זיי ארומגעקראכען. דער שאָ־טען פון די בוימער איז שווער געפאלען אויף דאס וואסער און האט געשיינט דארט צו פארזינקען, אנפילענדיג די טיפען מיט פינסטער־ניש. איך האב מיר פארגעשטעלט, אז יעדער שאטען האט, ווען די זון איז אלץ טיפער און טיפער אראפגעזונקען, זיך טרויעריג אפ־געטיילט פון דעם שטאם, וואס האט איהם געבארען, און איז פאר־שלונגען געווארען פון דעם שטראם; און אנדערע שאטענס זיינען אין אן אויגענבליק ארויסגעקומען פון די בוימער און האבען פאר־נומען דעם ארט פון זייערע באגראבענע פארגענגער.

ווי נאר אט דער געדאנק האט פארנומען מיין פארשטעלונג, האב איך זיך פארלארען אין אנדערע טרוימערייען. „אויב אן אינ־זעל איז ווען עס איז געווען פארצויבערט, — האב איך זיך געזאגט,— איז דאס אט דער אינזעל. דאס איז דער ארט פון די עטליכע ליעבע פעיען, וואס זיינען נאך איבערגעבליבען נאך דעם אונטערגאנג פון זייער מין. זיינען אט די גרינע קברים זייערע? גיבען זיי אויך אפ זייערע שעהנע לעבענס, ווי די קינדער פון מענשען? און שטאר־בענדיג, פארגעהען זיי דען ניט טרויעריג, אפגעבענדיג אין גאט'ס הענט ביסלעכווייז זייער עקזיסטענץ, ווי אט די בוימער גיבען אפ שאטען נאך שאטען, ערשעפענדיג זייער שטאף ביז צו דער לעצטער אויפלעזונג? איז דאס לעבען פון די פעיען ניט דאס זעלביגע פאר דעם טויט, וואס פארשלינגט עס, וואס דער פארגעהענדער בוים איז פאר דעם וואסער, וואס נעמט אריין זיין שאטען און ווערט פון דעם נאך שווארצער?“

אזוי האָב איך געטרוימט מיט האַלב געשלאָסענע אויגען, און די זון איז שנעל אַראָפּגעזונקען צו איהר רוה, און א ווירבעל ווינט איז דורכגעלאָפען ארום און ארום דעם אינזעל, טראָגענדיג אין זיין שוים גרויסע, לויכטענדע, ווייסע פלאָקען פון דער קאָרע פון דעם ווילדען פייגענבוים און שפּרייטענדיג זיי פאַרשידענפאַרמיג אויפ׳ן וואסער, אזוי אז א לעבעדיגע פאַרשטעלונגס קראַפט וואָלט זיי גע־קענט פאַרוואַנדלען אין וואס איהר ווילט. און ווי איך האָב אזוי געטרוימט, האָט מיר אויסגעוויזען, אז די פאָרם פון איינער פון יענע פעיען, וועגען וועלכע איך האָב געטראַכט, איז לאַנגזאַם דורכגע־גאַנגען אין די פינסטערניש פון דעם ליכט ביי דעם וועסטליכען עק פון דעם אינזעל. זי איז געשטאַנען גלייך אין א שוואַכען שיפעל און האָט עס באַוועגט מיט דעם שאָטען פון א רודער. איהר האַלטונג האָט אונטער דער ווירקונג פון די לעצטע, לאַנגזאַם פאַרגעהענדע זון שטראַלען געשיינט אויסצודריקען פרייד, אָבער וואָס מעהר זי איז אריינגעקומען אין שאָטען, אַלץ מעהר איז איהר האַלטונג צוקרימט געוואָרען פון א שווערען קומער. לאַנגזאַם האָט זי זיך באַוועגט, איז ענדליך צוריק ארויסגעקומען פון דעם קרייז ארום דעם אינזעל צו דעם פאַרגעהענדען ליכט. „דער קרייזלויף, וואָס די פעי האָט איצט דורכגעמאַכט, — האָב איך געטראַכט,—וועט זיין דער רינג פון דעם קורצען יאָהר פון איהר לעבען. זי איז דורכגעשוואומען דורך איהר ווינטער און איהר זומער. זי איז געקומען מיט איין יאָהר נאָהנטער צו איהר טויט; ווייל איך האָב ניט געקענט ניט זעהן, אז ווען זי איז געקומען אין די טונקעלקייט, איז איהר שאָטען גע־פאַלען פון איהר און איז פאַרשלונגען געוואָרען פון דעם טונקעלען וואסער, מאַכענדיג זיין שוואַרצקייט נאָך שוואַרצער.“

און ווידער האָט זיך באַוויזען דאָס שיפעל מיט דער פעי; אָבער אין איהר האַלטונג איז געווען מעהר זאָרג און אונזיכערהייט, און וועניגער לעבעדיגער פרייד. זי איז ווידער ארויסגעשוואומען פון דעם ליכט אין די טונקעלקייט (וואָס איז אַלץ טיפער געוואָרען), און ווידער איז איהר שאָטען געפאַלען פון איהר אין דאָס עבענהאָלץ־פאַרביגע וואסער און איז פון זיין שוואַרצקייט פאַרשלונגען געוואָ־

רען. און ווידער און ווידער איז זי דורכגעשוואומען דעם קרייז ארום דעם אינזעל (און די זון האט שוין געאיילט אראפ צו איהר שלאף); און יעדעס מאל, ווען זי איז ארויסגעקומען אין ליכט, איז געווען אלץ מעהר טרויער אין איהר געשטאלט, און זי איז געווארען אלץ שוואכער און שוואכער און אונדייטליכער. און יעדעס מאל, ווען זי איז אריינגעקומען אין די טונקעלקייט, איז פון איהר געפאלען אלץ א טונקעלערער שאטען, וואס איז פארשלונגען געווארען אין נאך א טיפערער פינסטערניש. און ענדליך, ווען די זון איז שוין אינגאנצען פארשוואונדען, איז די פעי, איצט נאר א שאטען פון דעם, וואס זי איז געווען פריהער, אויך אונטערגעגאנגען מיט איהר שיפעל אין דעם שווארצען שטראם. אויב זי איז ווען עס איז פון דארטען ווידער ארויסגעקומען, קען איך ניט זאגען, ווייל פינסטער־ניש איז געפאלען איבער אלץ, און איך האב מעהר ניט געזעהן איהר צויבערליכע געשטאלט.

1841

ליעדער

1833—1849

דער ראַב

כ'בין איין טריבע נאַכט געזעסען און אַ מידער זיך פאַרגעסען
איבער אַלטע פּאַליאַנטען פון אַ לאַנג פאַרלאָר'נער לעהר.
שלעפריג, מאַט די אויגען בליקען, פלוצלונג האָרך: אַ לייכט, לייכט פּיקען,
ווי ס'וואָלט שטיל, קוים הערבאַר, טיקען, טיקען ביי מיין טיר דאָרט ווער.
„אַ באַזוך,—האָב איך געמורמעלט,—מיך באַזוכען קומט איצט ווער,
ס'איז אַ גאַסט און גאָרניט מעהר.

ס'ליגט מיר קלאָר אין זין באַהאַלטען יענע נאַכט איןווינטער קאַלטען.
פון מיין פּייערשיין געשטאַלטען אויפ'ן דיל געשפּרייט האָט ווער.
כ'האָב אין אַנגסט געגאַרט דעם מאָרגען, טרייסט אומזיסט ערוואַרט צו באָרגען,
פון די ביכער טרייסט פאַר זאָרגען, פּיין און זאָרגען טיף און שווער,
נאָך דער שטראַלענדער לענאָרא'ן, נאָך לענאָרא'ן זאָרגען שווער, —
דער, וואָס אָטעמט דאַ ניט מעהר.

מילד און טרויריג האָט דער קלענסטער רויש פון פאָרהאַנג אויפ׳ן
פענסטער
איבערפילט מיין האַרץ מיט שרעקן, וואָס כ׳האָב
ניט געוואוסט ביזהער.
ס׳זאָל מיין האַרץ נאָר שטילער שלאָגן, האָב איך דאָן
גענומען זאָגן:
„ס׳האָט געבראַכט דער ווינט צו טראָגן מיר אַ שפּעטן גאַסט אַהער,
אַ פאַרשפּעטיגטער באַזוכער קלאַפּט דאָס איצט צו מיר אַהער,
ס׳איז אַ גאַסט און גאָרניט מעהר״.

כ׳האָב פון פאַרנעפּיהל פון באַנגען זיך באַפרייט און בין געגאַנגען
צו דער טיר: „פאַרצייהט מיך, ליעבע דאַמע, — זאָג איך, —
אָדער הערר!
כ׳האָב געטרוימט מיט מאַטע בליקן, ווען איך האָב
דערהערט אַ פּיקן
אין דער שטיל, ווי לייכט וואָלט טיקן, טיקן ביי מיין טיר
דאָרט ווער.
קומט און זייט מיין גאַסט״. דאָ עפן איך די טיר:
ווער קומט דען, ווער?
פינסטערניש און גאָרניט מעהר.

לאנג אין פינסטערניש געלויערט און געשטארט האב איך,
פארטרויערט,
טרוימען טרוימענדיג, וואס קיינער האט נאך ניט געטרוימט ביזהער.
נאר פון חושך לערען, שטומען איז קיין צייכען ניט געקומען,
כ'האב קיין קלאנג מעהר ניט פארנומען, נאר „לענארא“
טריב און שווער,
און מיין שטילען רוף אז עכא האט געבראכט מיר טריב און שווער,
נאר דאס ווארט און גארניט מעהר.

כ'האב זיך אומגעקערט אין צימער, ס'האט געברענט מיין זעל
נאך שלימער,
ווידער הער איך דאן א קלאפען, עטוואס שטארקער ווי ביזהער.
„ס'קלאפט, — זאג איך, — דער לאדען דרויסען, פון דעם
שטורעמווינט געריסען,
כ'וועל דעם סוד גענוי באלד וויסען, ס'איז די לעזונג גאר ניט שווער.
זאל מיין הארץ א וויל נאר שטיל זיין, ס'איז די לעזונג
גאר ניט שווער.
ס'איז דער ווינט און גארניט מעהר“.

כ'עפען דאן דעם פענסטער ריגעל, און מיט לייכטען רויש פון פליגעל
איז אריין א ראב אז אלטער מיט דעם אויסזעהן פון א פער.
ניט געקלערט גאר זיך צו נייגען, אין א גרוס דעם קאפ צו בויגען,
און איז גלייך ארויפגעפלויגען אויף א פאלאס ביוסט אין קווער,
אויף א פאלאס ביוסט אין ווינקעל איבער'ן טיר געזיצט אין קווער,
דארט ארויף און גארניט מעהר.

אַנגעקוקט מיין גאַסט דאָרט אויבען,האָב איך שמייכלען אָנגעהויבען.
ערנסט און שטריינג אַזוי זיין אויסזעהן איז געווען, זיין יעדער קעהר.
„באַטש, — זאָג איך, — ביזט גלאַט געשאָרען, האָסטו זיך
דאָ ניט פאַרלאָרען,
ראָב פון לאַנג פאַרגעסענע יאָהרען, שוואַרצער ראָב
פון נאַכטיגען מער.
זאָג, וואָס איז דיין שטאָלצער נאָמען אין דעם נאַכטיגען
פּלוטאָ'ס מער!“
און דער ראָב זאָגט: קיינמאָל מעהר.

כ'האָב געוואונדערט זיך אונענדליך, ווי דער ראָב רעדט קלאָר,
פאַרשטענדליך,
כאָטש זיין ענטפער איז געווען פאַר מיר אַ קלאַנג נאָר זינלאָז, לער.
האָט דען גאָט געקאָנט באַשערען וועמען נאָך אין לעבען שווערען,
איהם זאָל מיט באַזוך בּאַעהרען אין זיין הויז אַ ראָב ווי דער,
זאָל איבער זיין טיר זיך זעצען אַזאַ שוואַרצער ראָב ווי דער
מיט דעם נאָמען „קיינמאָל מעהר“?

דאָך דער ראָב זיצט אויף איין אָרט נאָר אויף דעם ביוסט און
רעדט איין וואָרט נאָר,
ווי זיין זעל מיט דעם איין וואָרט נאָר וואָלט געווען באַלאָדען שווער.
מעהר קיין קלאַנג איז ניט געקומען פון דעם ראָב, ביז כ'האָב גענומען
מורמלען שטיל אין צימער שטומען: „ווי די אַנדערע ביזהער,
מאָרגען וועל איך א י ה ם פאַרלירען, ווי די האָפנונגען ביזהער“.
נאָר דער ראָב זאָגט: קיינמאָל מעהר.

איבערראשט בין איך געווארען פון דעם ענטפער קלוגען, קלארען.
„ס'איז קיין צווייפעל נים,—זאג איך,—דאס ווארט נאר וויים ער און נים מעהר.
ס'האט זיין ווירט געמוזט דאס זאגען, ווען ס'בייזע שיקזאל יאגען האט נים אויפגעהערט און פלאגען, דריקען אומערבארמליך שווער, איז זיין טרויער ליעד געווארען איין רעפרען נאר טריב און שווער:
„קיינמאל מעהר, א קיינמאל מעהר!"

שטעהענדיג אין צימער שטומען פאר דעם ראב, האט איך גענומען שמייכלען טרוי'ריג, און א לעהנשטול האב איך צוגערוקט אהער, האב געזעצט זיך נאכצוזינען, טרוים מיט טרוימען אנגסטליך שפינען, צו דערפארשען, אויסגעפינען, וואס דער פויגעל אומגעפעהר— וואס דער אלטער ראב דער פינסטערער און בייזער אומגעפעהר מיינט דאס מיט זיין „קיינמאל מעהר".

לאנג בין איך אזוי געזעסען, זיך אין שווערען טרוים פארגעסען, און דעם פויגעל'ס פייערדיגער בליק, מיין הארץ פארצערט האט ער. ווידער נעם איך טרעפען, קלערען, אנגעלעהנט מיין קאפ דעם שווערען אויפ'ן סאמעט, ווי דורך טרערען פאלט דאס בלייכע ליכט אהער. אך, אויף דעם וויאלעטען סאמעט מיט דעם ליכט, וואס פאלט אהער, זי וועט רוהען — קיינמאל מעהר!

פלוצלונג האָבען אין דער לופטען ווי פאַרשפּרייט זיך
ווײַרויך דופטען,

אויפ'ן טעפּיך לײַכטע שרפים פוסטריט גרייכען מיין געהער.
„נאַר! — שריי איך, — גאָט האָט באַגליקט דיך, רוה,
פאַרגעסענהייט געשיקט דיר,
אין דער רוה פאַרגעס, פאַרוויג דיך פון דיין טרויער טיף און שווער!
טרינק, אַ טרינק דיין גאָט'ס געטראַנק, פאַרגעס דיין טרויער
טיף און שווער!"

נאָר דער ראָב זאָגט: קיינמאָל מעהר.

„נביא, — זאָג איך, — גייסט דו ווייזער, פויגעל אָדער דעמאָן בייזער!
צי דער שטן אָדער נאָר דער שטורם האָט דיך פאַרוועהט אהער,
צו אַ זעל, וואָס וואַגט ניט האָפען, פון דעם שיקזאָל
שווער געטראָפען,
זאָג מיר, דרייסטער פויגעל, אָפען, זאָג מיר, נביא, און ערקלער:
איז נאָך באַלזאַם דאָ אין גלעד? זאָג מיר, נביא, און ערקלער".
און דער ראָב זאָגט: קיינמאָל מעהר.

„נביא, — זאָג איך, — גייסט דו ווייזער, פויגעל אָדער דעמאָן בייזער!
איך באַשווער דיך ביי דעם הימעל, ביי דעם גאָט, וואָס איך פאַרעהר:
וועט מיין זעל, אין פיין פאַרלאָרען, זעהן נאָך צווישען שרפים כאָרען
אין גן עדן ווען לענאָרא'ן? — זאָג דער זעל געפּייניגט שווער.
וועט זי ווען דאָרט זעהן לענאָרא'ן? — זאָג דער זעל
געפּייניגט שווער".

נאָר דער ראָב זאָגט: קיינמאָל מעהר.

„זאָל דאָס זיין דער אָבשיעדס־צייכען! — שריי איך אויס, —
זאָל מיך ניט גרייכען
מעהר דיין שטים, פאַרלאָז מיך, געה, פאַרשווינד
אין שוואַרצען פלוטאָ׳ס מער!
זאָל דער קלאַנג פון ליגען פרעכען מעהר מיין שטילקייט
ניט פאַרשוועכען,
זאָל דיין בליק מיין האַרץ ניט שטעכען, כ׳וויל אַליין זיין, ווי ביזהער!
נעם דעם שנאָבעל מיר פון האַרצען, כ׳וויל אַליין זיין, ווי ביזהער!“
און דער ראָב זאָגט: קיינמאָל מעהר.

און ביז איצט נאָך זיצט ער, זיצט ער, און מיט זיינע אויגען בליצט ער
פון דעם בלייכען ביוסט פון פּאַלאַס אויף מיין שוועל
פאַרוויסט און לער.
זיינע בליקען נעמען שטאַרען, ווי אַ שד אין טרוים פאַרלאָרען,
און פון זיין געשטאַלט געבאָרען ווערט אַ שאָטען ברייט און שווער.
און מיין זעל פון יענעם שאָטען, וואָס צושפּרייט זיך ברייט און שווער,
וועט ניט אויפשטעהן — קיינמאָל מעהר.

די גלאָקען

I

הערט דעם שליטען־גלאָקען קלאַנג —
זילבער קלאַנג!
וויפיעל פרייד קלינגט העל ארוים פון זאַרגלאָזען געזאַנג!
ווי זיי קלינגען, קלינגען, קלינגען,
אין דעם קאַלטען נאַכטיגען רוים!
און די שטערען פריידיג שפּרינגען,
די קריסטאַלענע שטראַהלען זינגען
פון אַ יונגען ליעבעס טרוים;
האַלטען צייט, צייט, צייט,
רונען־ריטמען פאַלען ווייט
צו דעם קלינגען, וואָס דערהויבט זיך אין מעלאָדישען זינגזאַנג,
צו דעם קלאַנג, קלאַנג, קלאַנג, קלאַנג,
קלאַנג, קלאַנג, קלאַנג —
צו דעם צווינגען און דעם זינגען אין דעם קלאַנג.

II

הערט דעם הייראטס־גלאָקען קלאַנג —
גאָלד'נעם קלאַנג!
וויפיעל גליק קלינגט צארט פון דעם הארמאָנישען געזאַנג!
דורך די דופטיגע לופט פון נאכט
ווי דאָס קלינגט און רופט און לאכט!
אַן אַקאָרדען ים זיך וויגט
אויף און אַפּ,
און פון צויבער ליעד באַזיעגט,
אין לבנה ליכט די טורטעל־טויב דאָרט בליקט,
הויבט איהר קאָפּ!
פון די זינגענדיגע צעלש
ס'אַרא שטראָם פון גאָלד'נע, פייערליכע קלאַנגען וועלען!
פרייד געזאַנג!
האָפנונגס קלאַנג
פון דער צוקונפט'ס שנעלען גאַנג,
פון דעם גליק, וואָס קומט מיט דראַנג,
ביי דעם דרינגען און דעם שווינגען
פון דעם קלאַנג, קלאַנג, קלאַנג,
פון דעם קלאַנג, קלאַנג, קלאַנג, קלאַנג
קלאַנג, קלאַנג, קלאַנג,
ביי דעם קוועלען פון דעם העלען גאָלד'נעם קלאַנג.

III

הערט דעם פייער־גלאָקען קלאַנג —
בראָנז׳נעם קלאַנג!
ס׳אַרא שרעק געשיכטע קלינגט אין אונרוהיגען דראַנג!
אין דער ציטערענדער לופט
זייער שרייען וועקט און רופט,
צו דערשראַקען, צו זיין קלאָר,
שרייען קענען זיי איצט נאָר,
פּיַצן הויך,
שרייען, רופען, בעטען ליאַרמענדיג דערבאַרמונג ביי דעם פייער,
צאָרניג, וואַנזיניג זיך קריגען מיט דעם ווילדען, טויבען פייער,
העכער אַלץ די פלאַמען שפּרינגען,
העכער אַלץ אין הימעל דרינגען
מיט פאַרצווייפלונג און פאַרלאַנגען
ענדליך, ענדליך צו דערלאַנגען
ביז צו דער לבנה אין דער הויך.
אַ דער קלאַנג, קלאַנג, קלאַנג!
אַ ווי אימה׳דיג און באַנג
וועקט ער, רופט!
ווי ער שטורעמט דאָס און שלאָגט,
ווי ער שרעקט און שרייט און קלאָגט
איי העם שוים פון דער אויפציטערענדער לופט!

דאַר דאַם אויער זיכער וויים
נאָך דעם שלאַנגען
און דעם קלאַנגען,
די געפּאַהו איז קליין צי גרוים;
דאַר דאַם אויער דייטליך הערט
נאָך דעם רוישען
און דעם ברויזען,
ווען זי שטייגט צי שטילער ווערט,
נאָך דעם שווייגען אָדער שטייגען פון דעם צאָרן אין דעם קלאַנג,
אין דעם קלאַנג,
אין דעם קלאַנג, קלאַנג, קלאַנג, קלאַנג,
קלאַנג, קלאַנג, קלנאַג,
נאָך דעם שאַלען און דעם פאַלען פון דעם קלאַנג.

IV

הערט דעם קבורה־גלאָקען קלאַנג, —
אייזען קלאַנג!
ס'אַרא וועלט מיט טרויער אין איינטאָניגען געזאַנג!
אין דעם שווייגען פון דער נאַכט
לויערט שרעק אויף אונז און וואַכט,
דורך דעם טרויער און די דראָהונג אין דעם טאָן.
יעדער קלאַנג, וואָס טרוי'ריג פליסט,
זיך פון ראָסטיגע העלזער גיסט,
איז געוויין.
און אין טורעם דאָרט די מענער,
די וואָס קלינגען אוים די טענער,
נאָר אליין,
די וואָס קלינגען, קלינגען, קלינגען,
אין פאַרשטיקטע מאָנאָטאָן,
און זיי פרעהט ארויפצודרינגען
אויף א מענשליך הארץ א שטיין,
ניט קיין מענשליכע געשטאַלטען,
גייסטער שטעהען דאָרט באַהאַלטען
זייער קעניג קלינגט דאָס, קלינגט
און ער זינגט, זינגט, זינגט
זינגט
א טריאומף ליעד מיט דעם קלאַנג!

פריידיג שפרינגט זיין הארץ אין דראנג
פון דעם יובעל ליעד פון קלאנג,
שרייט און טאנצט צו דעם געזאנג;
האלטענדיג שריט, שריט,
רונען ריטמען טאנצט ער מיט
צו דעם יובעל ליעד פון קלאנג,
פון דעם קלאנג;
האלטענדיג שריט, שריט,
רונען ריטמען טאנצט ער מיט
צו דעם שלאגען פון דעם קלאנג;
פון דעם קלאנג, קלאנג, קלאנג,
צו דעם קלאגען פון דעם קלאנג;
האלטענדיג שריט, שריט
צו דעם פרעהליך ווילדען קלאנג,
טאנצט ער רונען ריטמען מיט
צו דעם שווינגען פון דעם קלאנג,
פון דעם קלאנג, קלאנג, קלאנג,
צו דעם דרינגען פון דעם קלאנג,
פון דעם קלאנג, קלאנג, קלאנג, קלאנג,
קלאנג, קלאנג, קלאנג,
צו דעם לעכצען און דעם קרעכצען פון דעם קלאנג.

.1849

צו העלענא

(מ ר ס ס. ה. ו ו ה י ט מ אַ ן)

איך האָב דיך איינמאָל נאָר געזעהן — מיט יאָהרען
צוריק. עס איז געווען אַ נאַכט אין יולי.
און פון אַ פולער לבנה, וואָס האָט, ווי דיין זעל,
הויך שוועבענדיג, אַ שנעלען וועג אין הימעל
געזוכט, איז שטילען שלומער איז געפאַלען
אין נאַכט פון ליכט אַ זילבער־זיידענער שלייער
אויף די געזיכטער פון אַ טויזענד רויזען
אין גאָרטען, וואָס פאַרצויבערט איז געלעגען.
קיין ווינט האָט ניט געוואַגט זיך דאָ צו ריהרען,
סאידען גאָר שטיל אויף די שפּיץ פינגער טרעטען.
געפאַלען איז דאָס ליכט אויף יענע רויזען,
וואָס האָבען פאַר דאָס ליעבע־ליכט געגעבען
די זעלען דופטענדע אין טויט עקסטאַז.
געפאַלען איז דאָס ליכט אויף יענע רויזען,
וואָס זיינען שמייכלענדיג דאָרט אויסגעגאַנגען
אין בייטען זייערע, פאַרצויבערט פון דיין צויבער
און פון דער פּאָעזיע, וואָס שוועבט אַרום דיר.

געקליידט אין ווייס, דארט נאכזינענד געשטאנענ
ביזטו האלב אנגעלעהנט: פון דער לבנה
געפאלען איז דאס ליכט אויף יענע רויזען
און אויך אויף דיין געזיכט, פארהילט אין טרויער!

איז דאס געווען ניט שיקזאל יענע יולי נאכט,
ניט שיקזאל (ועמעס נאמען איז אויך טרויער),
וואס האט מיך אפגעשטעלט ביי'ם גארטען פלויט,
דעם דופט צו אטמען פון פארוועלקטע רויזען?

קיין רויש: געשלאפען האט די בייזע וועלט.
נאר דו און איך. (א, הימעל, ליעבער גאט!
ווי ס'קלאפט מיין הארץ, ווען איך פאר די צוויי ווערטער!)
נאר דו און איך. איך בין געבליבען שטעהן,
און אין אן אויגענבליק איז אלץ פארשוואונדען.
(געווען איז דאך פארצויבערט דאן דער גארטען!)

אין הימעל איז דער פערעל שיין פארגאנגען.
די רויזען בייטען און די שלאנגען ווענען,
די בלומען און די טרויעריגע בוימער —
אלץ איז פארשוואונדען: ס'איז דער רויזען דופט
פארשטארבען אין די ארעמס פון דער לופט —
נאר דו אליין — ניין, ווייניגער פון דיר:
דאס געטליבע ליכט אין דיינע טיפע אויגען,

דיין זעל אין די אַרויפבליקענדע אויגען,
כ'האָב זיי געזעהן נאָר — ס'איז געווען מיין וועלט!
כ'האָב זיי געזעהן נאָר — זיי נאָר שעה'ן לאַנג,
נאָר זיי, ביז די לבנה איז פאַרגאַנגען.
אַ, וועלכע צויבער זאַגען זיינען דאָרט פאַרשריבען
אויף יענע הימעלשע, קריסטאַלענע ספערען!
אַ וועה — ווי טיף! אַ האָפנונג — ווי ערהאָבען!
אַ ים פון שטאָלץ — ווי שווייגענדיג און קלאָר!
אַ שטרעבען — ווי געוואָגט! און דאָך די טיפע
די אָבגרונד טיפע פעהיגקייט צו ליעבען!

דאָך ענדליך האָט דיאַנאַ זיך פאַרבאָרגען
אין וועסט, ווייט אין אַ ווייכען וואָלקען־בעט.
און דו, אַ גייסט, ביזט ביסלעכווייז פאַרשוואונדען.
געבליבען זיינען נאָר די אויגען דיינע.
זיי שטראַלען אייביג, קענען ניט פאַרשווינדען.
אין וועג אין איינזאַמען מיר האָבען זיי
געלויכטען יענע נאַכט. און האָבען מיך
זינט דאַן (ווי האָפנונגען) מעהר ניט פאַרלאָזען.
זיי פיהרען מיך זינט דאַן דורך מיינע יאָהרען.
זיי זיינען פּריסטער — איך בין זייער קנעכט.
ס'איז זייער ווערק צו לויכטען, און מיין פליכט
ערלייזט צו ווערען דורך דאָס ריינע ליכט,
געלייטערט ווערען אין דעם העלען פלאַם,

געהייליגט ווערען אין גן עדן פלאַם.
זיי פילען מיך מיט שעהנהייט (זי איז האָפנונג)
איך קניה פאַר זיי, די שטערען אין מיין הימעל
אין טרויעריגער וואַך פון מיינע נעכט.
און אויך אין העלען שיין פון מיטען טאָג
קען איך זיי זעהן — צוויי זיסע, פינקלענדיגע
ווענוסעס, ניט פאַרלאָשען פון דער זון.

.1848

אַנאַבעל ליע

לאַנג, לאַנג צוריק, אין אַ ווייטער לאַנד,
בײַ אַ ים געלעבט האָט זי,
מײַן מיידעל, זי זאָל אײַך זײַן באַקאַנט
מיט דעם נאָמען אַ נ אַ ב ע ל ל י ע.
און געלעבט האט זי מיט ליעבע נאר,
און מיך געליעבט האָט זי.

צוויי קינדער זײַנען מיר נאָך געווען,
צוויי קינדער, איך און זי,
דאָך געליעבט האָבען מיר מיט מעהר ווי ליעבע,
איך און מײַן אַנאַבעל ליע.
און מיט קנאה די שרפים האָבען געזעהן,
ווי מיר ליעבען, איך און זי.

און אט פארוואס לאנג, לאנג צוריק,
איך וויים ניט ווען און ווי,
פון א וואלקען ארוים איז א ווינט און פארקיהלט
מיין שעהנע אנאבעל ליע.
און איהרע עדעלע קרובים פון מיר
האבען אוועקגערויבט זי,
און אין א קבר איינגעשלאסען
מיין שעהנע אנאבעל ליע.

מיט קנאה די שרפים, ניט האלב אזוי גליקליך,
געזעהן האבען מיך און זי.
יע, אט פארוואס דאס איז געשעהן,
איך וויים ניט ווען און ווי,
אז א ווינט איז פון א וואלקען ארוים
און פארקיהלט און געטויט מיין אנאבעל ליע.

דאך שטארקער מיר האבען געליעבט, ווי די,
וואס זיינען פיעל עלטער געווען ווי מיר,
וואס זיינען פיעל קליגער געווען ווי מיר.
און ניט אין די הימלען הויך די מלאכים,
און ניט אין דעם אפגרונד פון ים די שדים
צושיידען קענען ווען מיך און זי,
מיין זעל און די זעל פון מיין אנאבעל ליע.

דער לבנה שיין וויגט אין טרוימען מיך איין
פון מיין שעהנער אנאבעל ליע.
אין דעם שטערען ליכט זעה איך קלאָר דאָס געזיכט
פון מיין שעהנער אנאבעל ליע.
קומט פון אווענד די צייט, לעג איך זיך ביי דער זייט
פון מיין ליעבער, מיין לעבען, מיין כלה, מיין פרייד,—
ביי דעם זינגענדען ים זעה איך זי,
אין איהר קבר דאָן זעה איך זי.

1849

צו פ ———

(פ ר ע נ ס ע ם ס א ר ד ז ש ע נ ט א ס ג ו ד)

וואו ס'געהט מיין וועג נאָר קליין און שמאָל,
געליעבטע, צווישען וועה און פיין
(מיין טריבער וועג, וואו ס'האָט קיינמאָל
ניט אויפגעבליהט קיין העלער שטראָל),
לויכט פון איין טרייסט מיר נאָר דער שיין,
דער טרוים פון דיר ברענגט אַלעמאָל
מיר רוה פון עדן'ס טאָל.

אַ אינזעל גריז, פאַרצויבערט, ווייט
איז אין מיין הארצען דיין געשטאַלט.
אַרום דער ים איז טיף און ברייט,
אין צאָרן מיט ווינט און וואָלקענס שטרייט, —
דער אינזעל נאָר אינמיטען שטראַלט,
און פון דער הויך צו יעדער צייט
דעם קלאָרען הימעל'ס שמייכעל פאַלט.

1835—1845

צו פרענסעס ס. אָסגוד

דיין הארץ נאך ליעבע בענקט? — דיין וועג
פארלאז ניט דורך דיין לעבען.
זיי וואס דו ביזט דורך דיינע טעג,
זאלסט אנדערש זיין ניט שטרעבען.
ביזט צארט און מילד און מעהר ווי שעהן,
וועט דיך די וועלט באעהרען,
וועט לויכטען ווייט ארום דיין חן,
וועט ליעבע איינפאך ווערען.

1835—1845

יולאַליע

כ'האָב געלעבט אַליין
אין אַ וועלט פון פּיין
און קראַנק אין זעל און לייב,
ביז די שעהנע און מילדע יולאַליע איז געוואָרען מיין שמעוודיג ווייב,
ביז די בלאָנדע און יונגע יולאַליע איז געוואָרען מיין שמייכלענדיג ווייב.

אָה, קיין שטערן גאָר,
שיינט ניט אַזוי קלאָר,
ווי דאָס אויג פון מיין ליעבער שטראַלט.
און ניט אַזוי שעהן
איז אַ וואָלקענדעל קליין,
פון לבנה ליכט באַשטראַלט,
ווי שעהן אַ לאָק פון דער שטילער יולאַליע גלייכגילטיג פאַלט,
ווי שעהן אַ לאָק פון דער שטראַלענדער יולאַליע באַשיידען פאַלט.

איצט צווייפעל און פיין
מיט אונז קענען ניט זיין,
דען אַ זעל צו אַ זעל דאָ שטרעבט.
און טאָג אוים — טאָג איין
פאַלט אויף אונז דער שיין
פון אַסטאַרטאַ, וואָס אין הימעל שוועבט,
און אַרויף צו איהר איהר מוטערליך אויג די ליעבע יולאַליע הויבט,
און אַרויף צו איהר איהר פיילכען אויג די יונגע יולאַליע הויבט.

1845

צום מ. ל. ס.

(מרס. מאריא לואיז שיו)

פון די, וואס דיך באגריסען ווי דעם מארגען,
פאר וועמען נאכט איז, ווען דו ביזט נימא,
פאר וועמען דאן די זון פארשווינדט פון הימעל,
דאס הייליגע ליכט: וואס וויינענדיג דיך בענשען
אונאויפהערליך פאר האפנונג, לעבען און
פאר טיף באגראבענעם און באלעבטען גלויבען
אין אמת, טוגענד און אין מענשליכקייט;
פון די, וואס ליגען אין פארצווייפלונגס בעט,
צו שטארבען גרייט, און שטעהען פלוצלונג אויף
ביי דיינע מילדע ווערטער: „זאל זיין ליכט!"
די מילדע ווערטער ווערען באלד פארווירקליכט
אין ריינעם שרפים בליק פון דיינע אויגען;
פון די, וואס דאנקען דיך, און דאנקבארקייט
שטייגט ביז פארגעטערונג, — געדענק, געדענק
דעם טרייסטען, דעם ערגעבענסטען פון זיי.
ער האט די שוואכע ווערטער דאס געשריבען
און שרייבענדיג, געציטערט, וויל ער ווייס,
עס רעדט זיין זעל דא צו א מלאך׳ס זעל.

.1847

צו — — (מאַריע לואיז)

(מרס. מאַריע לואיז שיו)

ניט לאַנג צוריק האָב איך געוואָגט צו זאָגען,
אין אייט׳לער איבערשאַצונג פון פאַרשטאַנד,
אַז אונבאַזיעגבאַר איז „די מאַכט פון ווערטער“,
אַז ס׳קען ניט קיין געדאַנק זיין אין געהירן,
וואָס זאָל צו שווער זיין פאַר דער צונג פון מענשען.
און ווי אין שפאָט אויף מיין באַריהמען זיך,
געריהרט זיך האָבען אין מיין האַרצען׳ס אָפגרונד
צוויי ווערטער — ווייך, צווייזילביג, איטאַליעניש —
וואָס נאָר מלאכים מורמלען אין אַ טרוים
אין לבנה שיין, אין „טוי, וואָס הענגט ווי פּערעל
געשנירט אין קייטען אויף דעם חרמון באַרג“; —
געדאַנקען אונגעדאַכטע, פון געדאַנקען
די זעלען; וויזיאָנען רייכערע
און געטליכערע נאָך פון די, וואָס איזראַפעל
דער שרף, מיט דער ליעבסטער שטים באַשאַנקען,
וואָלט נאָר געקענט אַרויסברענגען. און איך!
די פעדער פאַלט פון מיין אונמעכטיגער האַנט.

כאטש דו באפעהלסט מיר, קען איך דאך ניט שרייבען,
ווען כ'האב דיין ליעבען נאמען פאר א טעקסט.
איך קען ניט שרייבען, קען ניט רעדען, דענקען.
איך קען ניט פיהלען, ווייל ניט פיהלען איז דאס שטעהן
באוועגלאז אויף דער גאלד'נער שוועל פון טרוימען.
פארצויבערט שטארען טיף אראפ אין אפגרונד,
און ציטערען, זעהענדיג פון רעכטס און לינקס,
און אויבען, און פאר זיך, ווייט, ווייט ארום,
צווישען א פורפור נעבעל, צו דעם ארט,
וואו ענדליך ווערט מיין בליק אין רוים פארלארען. —
נ א ר ד י ך א ל י י ן.

1848

צו דער וואָס איז אין גן עדן

פון מיינע שעהנע טרוימעז
ביזטו געוועז א בילד,
א שריין אין ווייטע רוימעז,
אז אינזעל גרין און מילד,
אין בלומעז — מיינע בלומעז —
אין טרוימעז איינגעהילט.

א טרוים צו שעהן און העל,
א טרוים צו ליעב און צארט, —
ער איז פארגאנגעז שנעל!
דער צוקונפט'ס שטים איז הארט:
„געה ווייטער!" — נאר מיין זעל
ביי'ם חלום שעהן און העל
שוועבט אום און שטארט אוןווארט.

ווייל ס'לויכט מיין ליכט פון לעבען
ניט מעהר! („ניט מעהר!" — דער מער
ביי'ם ברעג זינגט וויסט און לער)
עס וועט דער בוים ניט לעבען,
פון בליץ געטראָפען שווער!
טויט איז דער אדלער — שוועבען
אין הויך וועט ער ניט מעהר!

און ס'פליהען טעג אין טראַנסען,
די נעכט א טרוים מיר היט —
וואו דיינע אויגען גלאַנצען,
וואו ס'זינגען דיינע טריט
און לייכט אין עטער טאַנצען,
וואו טויט קומט קיינמאָל ניט.

1835

דאָס קאָליזעאום

סימוואָל פון אַלטען רוים! רעליקוויען שראַנק
פון די ערהאַבענע באַטראַכטונגען,
ירושה פון אַ צייט פון מאַכט און לוקסוס!
איך זעה דיך ענדליך נאָך אַזוי פיעל טעג
פון וואַנדערען אין ברענענדיגער דורשט
(דורשט נאָך דיין קוואַל פון וויסען, וואָס דאַ פליסט)
איך קניה, אַן אַנדערער, אַ נידריגער,
דאַ אין דיין שאָטען, און עס טרינקט מיין זעל
דיין גרויסקייט און דיין וועה, דיין רוהם און טרויס!

אונענדליכקייט! און דאָס פאַרגאַנגענע!
שווייגען! פאַרצווייפלונג! און די טיפע נאַכט!
איך פיהל אייך איצט אין אייער גרויסער מאַכט.
אַ צויבער שטאַרקער פיעל פון דעם, וואָס ס'האָט
געפיהלט אַמאָל דער קעניג פון יהודה!
פיעל מעכטיגער פון דעם, וואָס די כאַלדעער
געצויגען האָבען פון דעם שטערען הימעל!

דאַ פאַלט אַ זייל, וואו ס'איז אַ העלד געפאַלען!
דאָרט, וואו אַ גאָלד'נער אדלער האָט געגלאַנצט,
אַ פלעדערמויז האַלט איצט אין נאַכט איהר וואַך!
און וואו דער ווינט אַמאָל האָט ביי די דאַמען
צובלאָזען זיי'רע גאָלד געפאַרבטע האָר,
דאָרט שאַקלען זיך גאָר ווילדע גראָז און רויר!
וואו אויף זיין גאָלד'נעם טראָן דער אימפּעראַטאָר
געזעסען איז, לויפט שנעל און שוויינענדיג
אַ שופּענטיער איצט אין זיין מאַרמאָר היים
אין נאַכט, באַלויכטען קוים פון דער לבנה!

אַ ווענט, אַ מאָד־באַוואַקסענע אַרקאַדען,
אין שימעל פּעדעסטאַלען און קאָלאָנען,
אונקלאָרע זיילענקעפּ, צוטרייסעלטע
און האַלב צושטערטע פּריזען און קאַרניזען!
רואינען, גרויע שטיינער, — איז דאָס אַלץ?
אַלץ פון דעם רוהמרייכען און קאָלאָסאַלען,
וואָס ס'האָבען דאַ די שעה'ן די צושטערער
פאַר מיר און פאַר דעם שיקזאַל גאַר געשווינט?

„ניט אַלץ, — אַז עכאָ ענטפערט מיר, — ניט אַלץ!
פּראַפּעטען־שטימען אייביג פאַר די ווייזע
פון אונז, רואינען, קלינגען הויך און קלאָר,
ווי צו דער זון פון מעמנאָן'ס שטיין די הימנען,

די מעכטיגסטע אונז זיינען אונטערוואָרפען,
מיר הערשען איבער אַלע ריזען גייסטער.
מיר, גרויע שטיינער, זיינען ניט אונמעכטיג.
ניט אונזער גאַנצע קראַפט איז נאָך פאַרשוואונדען,
ניט אונזער גאַנצער צויבער איז פאַרגאַנגען,
ניט יעדע וואונדער קראַפט, וואָס ארום אונז,
ניט יעדער סוד, וואָס איז אין אונז פאַרבאָרגען,
ניט די עראַינערונג, וואָס הענגט אויף אונז,
באַציערט אונז און באַקליידט אין מעהר ווי רוהם.״

1833

דער פאַר׳כשופ׳טער פאַלאַץ

אינמיטען פון א טאָל א גרינעם,
פון שרפים ליכטיגע באוואוינט,
א פאַלאַץ הויכען, שטאַלצען, שעהנעם
האט ווען א שטראַלען־שיין געקרוינט.
און ס׳איז געוועזן אין רייך פון שטראַלען
דער האר — געדאַנק.
נאָך איז קיין שרף־בליק געפאַלען
אויף אזא פאַלאַץ שעהן און שלאַנק.

און ס׳זיינען אויפ׳ן דאך געהאנגען
און האבען אין דער לופט געוועהט
פאַהנען פון גאָלד אויף געלע שטאַנגען
(פארגעסען לאנג איז יענע צייט!)
האט א זעפיר אהין פארטראַגען
אין בלויער לופט,
פון שלאָס האט ער אוועקגעטראגען
א צאַרטען, צויבערליכען דופט.

און דורך די לויכטענדיגע פענסטער
פארגומען האט א וואנדערער'ס בליק,
ווי ס'האבען זיך באוועגט געשפענסטער
צום שטרענגען ריטם פון מוזיק.
ארום א טראָן די גייסטער שוועבען.
אין פורפור קרוין,
אין גלאנץ און רוהם דארט זיצט דערהויבען
דער האר פון קעניגרייך אליין.

רובין און פעריל שיין באגאסען
האט דארט דעם הערליכען פארטאל.
און פריה און שפעט איז אלץ געפלאסען
א מחנה עכאָס פון דעם זאל.
און הערליך האט אין רוים געקלונגען
דער שטילער כאר.
זיי האבען פריה און שפעט באזונגען
די וויזהייט פון דעם קעניג גאר.

דאך גייסטער פיעל פון בייז און זארגען
באפאלען זיינען יענעם טאל.
(א וועה! א וועה! עס וועט דער מארגען
ניט אויפגעהן אויף דעם לאנד קיינמאל!)

דער שלאָס, וואָס איז אַ טרוים געווען
פון הערליכקייט,
איז איצט אַ זאַגע האַלב פאַרגעסע
פון אַן אומדענקליך אַלטער צייט

איצט, דורך די רויט־באַשיינטע פענסטער
דאָרט שוועבן פאַר דעם וואַנדערער׳ם בליק,
אַ רייה פאַנטאַסטישע געשפענסטער
צום טאַקט פון גרילצענדער מוזיק.
און ס׳גהען פון דעם טויער בלייכן
מיט לייכטע טריט
געשטאַלטן פינסטערע און לאַכן —
זיי שמייכלען קיינמאָל נים.

1839

דער וואָרים דער עראָבערער

א גרויסער פעסט געגעבען ווערט
אין איינזאמקייט פון צייט.
פארדעקט, פארטרויערט און פארטרערט,
מלאכים זיצען גרייט.
פון האפנונג און פון שרעק א שפּיעל
געהט אַן פאר זייער בליק,
און דער ארקעסטער אטעמט שטיל
פון ספערען די מוזיק.

און מורמלענדיג וואס אין דער שטיל,
פאיאצען פיעל אין גאט׳ס געשטאלט,
הער־היין זיך דרעהען אין דעם שפּיעל.
א מחנה שאטענס זיי באפאלט
און פיהרט זיי, דרעהט די ביהנע אום
ביי יעדען ווינקעל, ברעט און שפּאלט.
פון זיי׳רע פליגלען פייערליך־שטום
אומזיכבאר אומגליק פאלט.

משונה'דיג די דראמא! קענסט

פארגעסען זי? — א, קיינמאל נים!

מען יאגט נאך אייביג א געשפענסט,

מען כאפט איהם קיינמאל נים.

און אין א רינג געשווינד, געשווינד,

אלץ פליהט ער אום און פליהט.

פיעל וואהנזין דא, און נאך מעהר זינד,

און שרעק אויף יעדען טרים.

א קריכיג, רויט באשעפעניש

קומט, דרעהענדיג זיך פויל,

א ווארים קומט פון פינסטערניש

אינמיטען דעם פאיאצען־קנויל.

ער דרעהט זיך, גראבט איין דורשטיג־ווילד

אין זיי זיין העסליך מויל,

די שרפים וויינען ביי דעם בילד

און שוידערען פאר גרויל.

און באלד דער שיין פארלאשען ווערט,

אויף יעדער אנגסטליכער געשטאלט

א טויט־קלייד פלאטערט, צו דער ערד

מיט א גערויש דער פארהאנג פאלט.

די שרפים איז דער לופטיגער שטיל
ערקלערעז, בלייבע, פאַר דער וועלט,
אז „לעבעז" הייסט דער טרויער־שפּיעל,
דער ווארים איז דער העלד.

1843

שווייגען

פאראן אזעלכע אונפערלייבטע קרעפטען,
אין זיי א דאפעלט לעבען זיך באווייזט:
א בילד פון זאכען צוויי, וואס זיך באהעפטען
פון שטאף און ליכט אין קערפער און אין גייסט.
פאראן א צווייפאך שווייגען — ברעג און מער —
קערפער און זעל. וואוינט איינער אויף אן ארט,
בארעקט מיט יונגען גראז; א פייערליך ווארט,
א מענשליכע עראינערונג טריב און שווער
מאכט פורכטלאז איהם: זיין נאמען איז „ניט מעהר".
ער איז פאראייניגט שווייגען: פורכט איהם ניט!
ער האט קיין קראפט פון בייז אין זיך אליין;
דאך זאלען ווען דיך פיהרען דיינע טריט
פארביי זיין שאטען נאר (א טייוועל קליין,
וואס וואוינט, וואו קיינמאל ניט געטראטען האט
קיין פוס פון מענש), דאן זאל דיר העלפען גאט!

1840.

אַ הימן

באַגיז, בייטאָג, ווען טונקעל ווערט,
ביינאַכט האָסטו מיין הימן געהערט!
ווען שטאַרק, ווען שלאַף, אין פרייד און פּיין
מיט מיר, מאַריאַ, זאָלסטו זיין!
ווען שעה'ן פליהען העל פאַרביי,
דער הימעל איז פון וואָלקענס פריי,
כ'בין זיכער אין דיין שוץ און וואַך,
דו פיהרסט מיין האַרץ פאַרבלענדט און שוואַך.
איצט ווען דאָס שיקזאַל פּיין מיר ברענגט,
און איבער מיר אַ נעבעל הענגט,
מיין צוקונפט, קעניגין, זאָל זיין
באַלויכטען מיט דיין האָפנונג'ס שיין.

1835

סצענע פון „פאליציאן"

דראמאטישער פראגמענט.

סצענעס פון „פאָליציאַן“

(דראַמאַטישער פראַגמענט)

I

רוים, אַ זאַל אין אַ פּאַלאַץ.
אַלעסאַנדראַ און קאַסטיליאַנאָ.

א ל ע ס א נ ד ר א
ביזט טרויעריג, קאַסטיליאַנע.

ק א ס ט י ל י א נ ע
טרויעריג? — ניין.
אַ, איך בין דאָך דער גליקליכסטער אין רוים.
נאָך אַ פּאַר טעג, דו ווייסט, מיין אַלעסאַנדראַ,
און דו וועסט מיינע זיין. אַ, איך בין גליקליך!

א ל ע ס א נ ד ר א
מיר דוכט, אַז אויף אַ זונדערבאַרער אַרט
ווייזטו דיין גליק אַרויס. וואָס איז דיר, פריינד?
וואָס זיפצסטו אַזוי שווער?

קאסטיליאנע

איך האב געזיפצט?
איך האב דאס ניט געוואוסט. א נארישקייט,
דאס איז ביי מיר א נארישע געוועהנהייט,
ווען איך בין זעהר גליקליך. כ׳האב געזיפצט? (זיפצט ווידער)

אלעסאנדרא

יע, האסט געזיפצט. ביזט ניט געזונט. דו האסט
צופיעל געטרונקען וויין און נעכט פארבראכט
אהן שלאף. איך האב באמערקט דאס און באדויערט.
דיין אנבליק איז געענדערט, מאט דיין בליק.
קיין זאך איז דאך פאר דיר ניט אזוי שעדליך,
ווי נעכט אהן שלאף, און וויין, קאסטיליאנע.

קאסטיליאנע (נאכדענקענדיג)

קיין זאך ניט, טייערסטע, אפילו ניט
די ערגסטע זארגען, איז ניט אזוי שעדליך,
ווי נעכט אהן שלאף, און וויין, כ׳וועל בעסער זיין.

אלעסאנדרא

זיי בעסער, און פארלאז דעם קרייז פון פריינד
פון נידעריגען שטאנד, וואס פאסען ווענינ
פאר דיר, א יורש פון די בראליא
און אלעסאנדרא׳ס מאן.

ק א ס ט י ל י א נ ע

כ'וועל זיי פארלאזען.

א ל ע ס א נ ד ר א

דו וועסט. דו מוזט. זאלסט אויך מעהר אכטונג געבען
אויף קליידונג, דיענערשאפט. צו איינפאך זיינען
זיי פאר דיין הויכען ראנג. דען פיעל הענגט אפ
פון אויסזעהן.

ק א ס ט י ל י א נ ע

כ'וועל שוין אכטונג געבען.

א ל ע ס א נ ד ר א

גיב אכטונג. דארפסט אביסעל מעהר אויף זארגען
וועגען א פאסיגען געשפאן. דיר פעהלט,
מיין הערר, נאך זעהר פיעל צו אמת'ער ווירדע.

ק א ס ט י ל י א נ ע

איך ווייס, פיעל, פיעל, א זעהר פיעל נאך פעהלט מיר
צו אמת'ער ווירדע.

א ל ע ס א נ ד ר א (הויכמוטיג)

שפאסט גאר איבער מיר!

ק א ס ט י ל י א נ ע (פארטיפט אין זיך)

א ליעבע לאדזשע!

אלעסאנדרא

וואס הער איך איצט?

איך רעד מיט איהם — ער רעדט גאר וועגען לאלאדזשע

הערר גראף! (ליגט אַרויף איהר האַנט אויף זיין אַקסעל)

וואס טרוימט איהר? ער איז ניט געזונט!

וואס איז איך, גראף?

קאסטיליאנע (ווי אויפכאַפּענדיג זיך)

אַ שעהנסטע הערצאָגין!

פארציייהט, פארצייהט. געוויס, כ'בין ניט געזונט,

נעמט אייער האַנט אראפ נאר פון מיין אַקסעל.

ס'איז שטיקענד, הייס. מאדאם, דער הערצאָג קומט!

(די בראַליאַ קומט אריין)

די בראליא

מיין זוהן, כ'האב נייעס! — הא, וואס איז געשעהן?

(באַטראַכט אַלעסאַנדראַ'ן)

אַ ברוגז? קוש זי איצט, קאסטיליאַנע,

דו הונט, מאך ווידער גוט אַלץ אין אַ רגע.

כ'ברענג נייעס אייך. פאליציאן קומט אַן באַלד

אין רוים, — פאליציאן, דער גראף פון לייסטער,

וועט צו דער האכצייט זיין. צום ערשטען מאל

באזוכט ער איצט די קייזערליכע שטאָדט.

אלעסאנדרא

פאליציאן פון ענגלאנד, גראף פון לייסטער?

די־בראליא

יע, ער, מיין ליעבע. צו דער האכצייט וועלען
מיר זעהן איהם. כאטש נאך יונג איז ער אין יאהרען,
איז ער שוין אלט אין רוהם. איך האב קיינמאל
איהם ניט געזעהן. מען זאגט, ער איז א וואונדער
אין ווימען און אין בראווקייט און אין רייכטום
און אין דער הויכער אפשטאמונג. מיר וועלען
איהם צו דער האכצייט זעהן.

אלעסאנדרא

כ׳האב וועגען איהם
געהערט אזוי פיעל. לייכטזיניג און פרעהליך
איז ער, ניט אמת? און ער דענקט גאר ווייניג.

די בראליא

א טעות, ליעבע. ס׳איז קיין וויסענשאפט
פאר איהם גאר ניט צו טיף, אזוי דערצעהלט מען.

אלעסאנדרא

דאס איז דאך זונדערבאר! איך האב געקענט
פיעל מענשען, וועמען ס׳האט פאליציאן
באפריינדט, און ווי איין מענש זיי זאגען אלע,
א וואהנזיניגער געהט ער דורך דאס לעבען
און טרינקט פון פרייד דעם בעכער ביז צום דעק.

קאַסטיליאַנע

ווי לעבערליך! איך קען פּאַליציאַן.
ניט לייכטזיניג איז ער, ניט קיין געלעהרטער.
אַ טרוימער איז ער, וועמען ס'זיינען פרעמד
אַלטעגליכע, געמיינע ליידענשאַפטען.

די־בראַליאַ

קינדער, מיר וועלען איבער דעם ניט שטרייטען.
קומט איצט ארוים אין גאַרטענ'ס דופט'גע לופט
האָב איך געטרוימט דאָס, צי געהערט דאָס ווירקליך,
אַז מעלאַנכאָליש איז פּאַליציאַן?

II

די בראליא

רוים. — א פרויען צימער מיט אן אפענעם פענסטער, וואס קוקט ארוים אין גארטען. לאלאדזשע, אין טרויער קליידער, לעזט ביי א טיש, אויף וועלכען עס ליגען עטליכע ביכער און א האנט שפיגעל. אין הינ־טערגרונד ליגט אנגעלעהנט אין א שטוהל יאצינטא, די דיענסט

לאלאדזשע

יאצינטא, דאס ביזטו?

יאצינטא (מיט חוצפה)

יע, גנעדיגע פרוי.

לאלאדזשע

כ'האב ניט געוואוסט, יאצינטא, אז דו ווארטעסט.
זעץ דיך! און זאל מיין געגענווארט דיך ניט
באלעסטיגען. זעץ דיך! כ'בין זעהר נידריג.

יאצינטא (אן א זייט)

ס'איז צייט.

(זעצט זיך אין דער קרים אויף א שטול, לעהנט אן איהרע עלענבויגענס און קוקט אויף איהר הארין מיט א פארעכטליכען בליק.
לאלאדזשע לעזט ווייטער)

לאַלאַדושע

ער האָט געזאָגט: „אונטער אַנאַנדערען הימעל
האָט אויפגעבליהט אַ העלע, גאָלד'נע בלום.“
(שטעלט זיך אָפּ, מישט איבער עטליכע בלעטער און לעזט ווייטער)
„קיין לאַנגער ווינטער דאָרט, קיין שניי, קיין רעגען.
דער אָקעאַן נאָר ברעננט די מענשען קיהלונג,
דעם גייסט דעם מילדען פון דעם ווינט פון וועסט.“
ווי שעהן דאָס איז! ווי וואונדערשעהן! ס'דערמאָנט מיר
די פּיבערטרוימען מיינע פון אַ הימעל.
אַ, גליקליך לאַנד! זי איז — זי איז געשטאָרבען!
אַ, גליקליכערע נאָך, דו ביזט געשטאָרבען!
יאַצינטאַ!

(יאַצינטאַ ענטפערט ניט, און לאַלאַדושע רעדט ווייטער)

נאָך אַן עהנליכע ערצעהלונג
וועגען אַ שעהנער דאַמע איבער'ן ים!
„זי איז געשטאָרבען יונג“, — זאָגט פערדינאַנד
אין שוישפּיעל, און באַסאָלאָ ענטפערט איהם:
„מיר דוכט, מיט יאָהרען צופיעל איז באַלאַדען
איהר טרויריג שיקזאַל“. אונגליקליכע פרוי!
יאַצינטאַ!
(יאַצינטאַ ענטפערט ניט)

אָט איז נאָך אַזאַ געשיכטע
פון דער עגיפּטענס קעניגין, וואָס האָט

געוואונען ליכט אַ טויזענד הערצער און
איהר אייגענע האַרץ פאַרלאָרען און געשטאָרבען.
און ס'ווײנען איבער איהר צוויי שעהנע דינסטען,
צוויי שעהנע נעמען — עיראַס און כאַרמיאַן!
דער רעגענבויגען און די טויב! — יאַצינטאַ!

יאַצינטאַ (בייז)
וואָס איז, מאַדאַם?

לאַלאַדזשע
געה, מיין יאַצינטאַ גוטע
אין ביכער צימער און פון דאָרטען ברענג מיר
די הייליגע עוואַנגעליסטען
(יאַצינטאַ געהט אַרויס)

אויב ס'איז פאַראַן אַ היילונג נאָך אין גלער,
איז זי אין יענע ביכער. „טוי נאָך ליעבער
פון דעם, וואָס הענגט ווי פערל אויף הר חרמון."

יאַצינטאַ (קומט אַריין און וואַרפט אַ בוך אויפ'ן טיש)
אַט איז דאָס בוך! (אָן אַ זייט) ווי זי באַלעסטיגט מיך!

לאַלאַדזשע (ערשטוינט)
יאַצינטאַ, וואָס האָסטו געזאָגט? האָב איך
געטאָן וואָס צו דערצאָרנען דיך? פאַרגיב מיר.
דו האָסט געדיענט מיר לאַנג און ביזט געווען
טריי און ערגעבען. (לעזט ווייטער)

יאַצינטאַ (אַן אַ זייט)

כ'גלויב ניט, זי זאָל האָבן
נאָך ציערונג. לאַנג האָט זי מיר אַלץ געגעבן.

לאַלאַדזשע

יאַצינטאַ, וואָס האָסטו געזאָגט? כ'דערמאָן זיך,
האָסט לאַנג שוין ניט גערעדט וועגן דיין הייראַט.
וואָס מאַכט דיין גוטער אונגאַ? ווען וועסטו
די האָכצייט פייערן? דאַרפסטו נאָך ווייטער
מיין הילף?

יאַצינטאַ (אַן אַ זייט)

ווייטער מיין הילף? דאָס מיינט מען מיך.
(הויך) מאַדאַם, איהר דאַרפט ניט יעדן טאָג דערמאָנען
מיר יענע ציערונגען.

לאַלאַדזשע

אַ, ניין, יאַצינטאַ.
כ'האָב לאַנג פאַרגעסן גאָר אַן יענע זאַכן.

יאַצינטאַ

קען זיין, קען זיין. דאָך וואָלט איך זיך געשוואָרען.
און אונגאַ האָט געזאָגט, דער שטיין אין רינג
איז גאָר ניט עכט, ווייל גראַף קאַסטיליאָנע

וואלט אייך אז עכטען דימענט ניט געשאנקען.
און אויסערדעם, מאדאם, איז דאך פארשטענדליך.
א י צ ט דארפט איהר מעהר קיין ציערונג דאך ניט האבען.
(געהט ארויס)

ל א ל א ד ז ש ע

(ברעכט אוים אין געוויין. איהר קאפ זינקט אראפ אויפ'ן טיש.
זי הויבט אויף דעם קאפ נאך א פאוזע)

דו, ארימע לאלאדזשע! שוין צו דעם געקומען!
דיין אייג'נע דיענסט! — דאך מוט! — ס'איז נאר א שלאנג,
א שלאנג, וואס דו האסט אויף דיין ברוסט דערווארעמט.
(זי נעמט דעם שפיגעל)

אט איז א לעצטער פריינד — צופיעל א פריינד
אין פריהערדיגע טעג, וועט דיך ניט נארען.
א, קלארער טרייער שפיגעל! איצט דערצעהל מיר
א מעשה'לע א שעהנס, זאל דיר נים ארען.
אויב דאס טוט וועה. ער ענטפערט מיר. ער רעדט
פון איינגעפאל'נע באקען, טריבע אויגען
און לאנג פארבליהטער שעהנקייט — ער געדענקט מיך.
ער רעדט פון פרייד פארוישטער לאנג, פון האפנונג
דער הימעלשער. וואס איז שוין לאנג באגראבען.
איצט שטיל און טרויריג. אבער קלאר פארנעמליך
מיר מורמעלט ער פון א פריהצייט'גען טויט.
א, קלארער, טרייער שפיגעל! דו באטריגסט נים,

מיינסט אין באטרוג דאך נארניט צו געווינען.
קאסטיליאנע האט געליינט אין ליעבע,
דאך דו ביזט וואהר, און ער איז פאלש, פאלש, פאלש.
(אין דער צייט ווען זי רעדט קומט א מאנאך אריין אין צימער
און דערנעהנטערט זיך אונבאמערקט)

מ א נ א ך

געליעבטע טאכטער, זוך דיר רוה אין הימעל.
געדענק אז אייביגקייט, בעט גאט, טו תשובה.

ל א ל א ד ז ש ע (שפרינגט אויף)

איך קען ניט. דען מיין זעל פיהרט קריג מיט גאט!
פון פרייד די קלאנגען שרעקליכע דא אונטען
באאונרוהיגען מיך. געה, כ'קען ניט בעטען.
מיך קוועלט דער דופט דער ליעבער פון דעם גארטען.
מיך ערגערט נאר דיין זיין דא. געה ארוים.
איך ציטער פאר דיין פריסטערליכע קליידונג.
דיין קרוציפיקס פילט אן מיין הארץ מיט שרעק!

מ א נ א ך

דענק נאך וועגען דער רעטונג פון דיין זעל.

ל א ל א ד ז ש ע

דענק דו וועגען מיין יוגענד, מיינע עלטערען
אין הימעל, וועגען אונזער שטילער היים,

דעם טייכעל, וואס איז פאר דער טיר געפלאסען!
דענק וועגען מיינע קליינע שוועסטערלאך!
דענק וועגען מיר, מיין ליעבע און מיין צוטרוי,
זיין ווארט, זיין שבועה און מיין אונטערגאנג,
מיין וועה, וואס קען גאר ניט באשריבען ווערען! —
לאז מיך אליין! — ניין, בלייב איצט, בלייב, וואס זאגסטו
וועגען געבעט? האסטו גערעדט פון גלויבען
און פון א נדר?

מאנאך

יע, איך האב גערעדט.

לאלאדזשע

גוט. ס'איז א נדר פאסיג איצט פאר מיר,
א הייליגער און נויטיגער און גרויסער
און פייערליכער.

מאנאך

לויבענסווערט, מיין טאכטער.

לאלאדזשע

נאך פריה צו לויבען, פאטער, ס'איז ניט גוט.
האסטו א קרוציפיקס, וואס פאסט פאר דעם?
א קרוציפיקס, ביי וועלכען איך זאל שווערען?
(ער גיט איהר זיינעם)

ניט דעם! אַ ניין, ניין, ניין! ניט דעם, ניט דעם!
(ציטערט אויף).
איך זאָג דיר, כ'שרעק מיך פאַר דיין פריסטער קליידונג
און פאַר דיין שווארצען קרייץ, — נעם איהם צוריק!
איך האָב מיין אייג'נעם קרוציפיקס, וואָס פּאַסט
פאַר דעם, וואָס איך וויל טאָן, אַ סימוואָל איז ער.
ביי איהם וועל איך איצט שווערען.
(זי הויבט אויף הויך אַ קינזשאַל מיט אַ קרייץ־הענטעל)
זעהסט דעם קרייץ?

מאַנאַך

מיין טאָכטער, וואָהנזין זיינען דיינע ווערטער,
אונהייליג איז דיין ציעל, בלייך דיינע ליפּען,
די אויגען ווילד, — רוף ניט דעם הימעל'ס צאָרן
אויף דיך. האַלט, איידער ס'איז צו שפּעט, — באַדענק דיך!
שווער ניט דיין שבועה, שווער דאָס ניט!

לאַלאַדזשע
געשוואָרען!

III

(אַ צימער אין אַ פּאַלאַץ. פּ אַ ל י צ י אַ ן און ב אַ ל ד אַ צ אַ ר).

ב אַ ל ד אַ צ אַ ר

זיי מונטערער, פּאַליציאַן! דו טאָרסט ניט,
דו דאַרפסט ניט אין אַזעלכע שטימונגען
אַריינפאַלען. דו זיי נאַר וואָס דו ביזט!
באַפריי דיך פון די טרוימען, פריינד, און לעב!
דיין לעבען איצט איז טויט.

פּ אַ ל י צ י אַ ן

איך לעב, געוויס לעב איך.
אַ ניין, באַלדאַצאַר!

ב אַ ל ד אַ צ אַ ר

פּאַליציאַן,
עס טוט מיר וועה אַזאַ דיך איצט צו זעהן.

פּ אַ ל י צ י אַ ן

עס טוט מיר וועה דיר שמערצען צו פאַרשאַפען.
זאָג, וואָס איז דיין באַפעהל, וואָס זאָל איך טאָן?
כ'וועל אויף דיין וואונש באַפרייען זיך פון דעם,
וואָס כ'האָב בירושה פון די עלטערען,
וואָס כ'האָב געזויגען מיט מיין מוטער'ס מילך.

און זיין ניט מעהר פּאַליציאַן, נאָר גאָר
אַנאַנדערער. באַפעהל!

באַלדאַצאַר

אין פעלד, אין פעלד!

פּאַליציאַן

אהין וועט אויף דער בייזער גייסט דאָך קומען!
אהין האָט ער מיך שטענדיג נאָכגעפאָלגט!
אהין... וואָס פאַר אַ שטים?

באַלדאַצאַר

כ'האָב ניט געהערט
קיין שטים, אויסער דיין אייגענער, און איהר אָפּקלאַנג

פּאַליציאַן

האָט מיר זיך נאָר גע'חלום'ט יענע שטים?

באַלדאַצאַר

וואַרף די חלומות. ס'וואַרט אויף דיר דאָס פעלד,
דער הויף, רוהם וואַרט אויף דיר און עהרע רופט!
ווילסט די טראָמפּייטען־צונגינגע ניט הערען,
פאַרנעמסט גאָר קלאַנגען, וואָס קיין מענש פאַרנעמט ניט,
און שטימען פון געשפּענסטער.

פ א ל י צ י א ן

פון געשפּענסטער?

האסטו דען ניט געהערט?

ב א ל ד א צ א ר

כ'האב ניט געהערט.

פ א ל י צ י א ן

האסט ניט געהערט? באלדאצאר, רעד ניט מעהר
צו מיר, פאליציאן, פון פעלד און הויף.
צום טויט דערעסען האבען מיר שוין לאנג
די לערע, קלינגענדיגע אייטעלקייטען
פון פעלקער־דרייבער ערד! [illegible] גערולד נאר!
מיר זיינען פריינד געווען נאך אין דער קינדהייט
און זיינען פריינד אויך איצט, דאך ניט אויף לאנג שוין.
ווייל אין דער אייביגער שטאדט זאלסטו מיר טאן
א גוטע, ליעבע דיענסט, און ס'וועט א מאכט,
א הייליגע, א גוטע און א גרויסע,
באפרייען דיך פון אלע דיינע פליכטען
צו מיר, דיין פריינד.

ב א ל ד א צ א ר

א בייזע רעטעניש,
איך ו ו י ל זי ניט פארשטעהן.

פ א ל י צ י א ן

דאָך איצט, ווען פּאַטום

דערנעהנטערט זיך, די האַרען אָטמען שטיל,
פאַרוואַנדעלט צייט דעם זאַמד אין גאָלד'נע קערנער
און בלענדט מיך. פריינד באַלדאַצאַר. ווען מיר, ווען מיר!
איך ק ע ן נ י ט שטאַרבען, ווען דאָרט טיף אין האַרצען
אַ בענקשאַפט ברענט נאָך אַלץ, וואָס שעהן איז, פריינד.
מיר דוכט, די לופט באַלזאַמישער איז איצט,
מעלאָדיען שוועבען אין די ווינטען אום,
מיט אַזאַ ליעבליכקייט די ערד בעדעקט איז,
אין הייליגערען גלאַנץ שוועבט די לבנה
אין הימעל. האָרך! איצט קאַנסטו מעהר ניט זאָגען,
אַז דו האָסט ניט געהערט, באַלדאַצאַר.

ב א ל ד א צ א ר

ניין.

פ א ל י צ י א ן

ניין? הער זיך צו נאָר איצט: דער שוואַכסטער קלאַנג,
דער זיסטער דאָך, וואָס דו האָסט ווען פאַרנומען.
אַ פרויען שטים! און ווען איז אין דעם קלאַנג!
מיין פריינד, ס'באַצווינגט מיך ווי אַ צויבער קראַפט!
די שטים קלינגט ווידער, און ווי פייערליך
זי פאַלט מיר טיף אין האַרץ. נאָך קיינמאָל פריהער

האָב איך זי ניט געהערט. ס'וואָלט גוט געווען דאָך,
ווען כ'וואָלט די שטים די ציטריגע פאַרנומען
אין פריהערדיגע טעג.

באַלדאַצאַר

איך הער זי איצט.

זיי שטיל. מיר דוכט, זי קומט פון הינטער'ן לאָדען,
וואָס דו קענסט זעהן דאָ דורכ'ן פענסטער דייטליך.
דאָס איז אין ערצאָגליכען שלאָס אהן צווייפעל
די זינגערין איז אפשר אַלעסאַנדראַ,
וואָס איז די כלה פון קאַסטיליאַנע,
דעם ערצאָג'ס זוהן און יורש.

פאָליציאַן

ווידער זינגט זי.

א שטים (זעהר שוואַך)
„און ביזטו האַרט אַזוי,
איצט צו פאַרלאָזען מיך,
וואָס כ'האָב געליעבט דיך טריי,
געליעבט אין פרייד און וועה?
און ביזטו האַרט אַזוי,
איצט צו פאַרלאָזען מיך?
זאָג ניין! זאָג ניין!"*)

---

*) פון סער טאָמאָס וויעט.

ב א ל ד א צ א ר
דאָס איז אַן ענגליש ליעד. אין לוסטיגען ענגלאַנד
האָב איך דאָס זינגען אָפּט געהערט, דאָך קיינמאָל
ניט אַזוי טרויעריג. שטיל! ווידער זינגט זי.

ד י ש ט י ם (העכער)

„איז הארט דיין הארץ אזוי,
איצט צו פאַרלאָזען מיך,
וואָס כ'האָב געליעבט דיך טריי;
געליעבט אין פרייד און וועה?
און ביזטו הארט אזוי,
איצט צו פאַרלאָזען מיך?
זאָג ניין, זאָג ניין!"

ב א ל ד א צ א ר

נעענדיגט, אַלץ איז שטיל.

פ א ל י צ י א ן

אַלץ א י ז נ י ט שטיל,

ב א ל ד א צ א ר
לאָמיר אַרונטערגעהן.

פ א ל י צ י א ן

מעגסט געהן, באַלדאַצאַר.

ב אָ ל ד אַ צ אַ ר

עס ווערט שוין שפּעט, דער הערצאָג וואַרט אויף אונז,
ער ווינשט צו זעהן דיך אונטען אין דעם זאַל.
וואָס איז מיט דיר איצט, גראַף פּאָליציאַן?

די שטים (דייטליך)

„וואָס כ'האָב געליעבט דיך טריי,
געליעבט אין פרייד און וועה,
און ביזטו האַרט אַזוי?
זאָג ניין, זאָג ניין!"

ב אָ ל ד אַ צ אַ ר

איצט געהען מיר, ס'איז צייט. פּאָליציאַן,
וואַרף דיינע טרוימען, און געדענק, איך בעט דיך,
ניט זעהר העפליך האָסטו זיך באַנומען
צום הערצאָג לעצטענס. קום צו זיך! געדענק דאָס!

פּ אָ ל י צ י אַ ן

געדענקען! פיהר מיך, פריינד. איך וו על געדענקען.
לאָמיר אַרונטערגעהן. גלויב מיר, איך וואָלט
די גיטער פון מיין גראַפשאַפט אָפּגעגעבען,
צו זעהן נאָר דאָס געזיכט הינטער'ן לאָדען,
„צו זעהן ס'פאַרשלייערטע געזיכט און הערען
נאָר נאָך איין קלאַנג פון יענעם טריבען מויל".

ב א ל ד א צ א ר

איך בעט דיך, קום אראפּ, מיר וועלען נאך
באליידיגען דעם הערצאג. קום, איך בעט דיך.

ד י ש ט י ם

„זאג ניין! — זאג ניין!"

פ א ל י צ י א ן

ווי זונדערבאר! מיר דוכט,
די שטים קלינגט ווי מיין וואונש און הייסט מיר בלייבען!
(דערנעהנטערט זיך צום פענסטער)
דו זיסע שטים, איך הער דיך און וועל בלייבען.
ביים הימעל, זיי דאס איינבילדונג צי שיקזאל,
איך קום היינט ניט אראפּ. באלדאצאר, בעט
ענטשולדיגונג פאר מיר ביים הערצאג. כ'קען ניט
אראפּקומען.

ב א ל ד א צ א ר

וואס אייער לארדשאפט ווינשט,
דאס זאל געשעהן, מיין פריינד. א גוטע נאכט!

פ א ל י צ י א ן

א גוטע נאכט, מיין פריינד, א גוטע נאכט!

IV

(אין גארטען פון פאלאץ. לבנה שיין. לאלאדזשע און פאליציאן).

ל א ל א ד ז ש ע

און דו פון ליעבע רעדסט, פאליציאן?
פון ליעבע און צו מיר, צו מיר? פון ליעבע
רעדסטו צו לאלאדזשע? א וועה מיר, וועה מיר!
ווי גרויזאם איז דיין שפאט! ווי שווער ער טרעפט מיך!

פ א ל י צ י א ן

א וויין נים, לאלאדזשע. וויין ניט! דיינע טרערען
ווי קען איך דען פארטראגען? קלאג נים, לאלאדזשע,
נאר זיי געטרייסט. איך וויים, איך וויים דאס אלץ,
און ד א ך רעד איך פון ליעבע. שענק דיין בליק מיר,
לאלאדזשע, ליעבע, שעהנע, שענק דיין בליק מיר.
דו פרעגסט מיך, צי פון ליעבע רעדען קען איך,
אליין וויסענדיג און צוזעהענדיג אלץ.
דו פרעגסט מיך, און איך וועל דיר ענטפערען,
אזוי אויף מיינע קניה וועל איך דיר ענטפערען.
(קניהט)
א לאלאדזשע, איך ליעב דיך, ליעב דיך, ליעב דיך,
אין גליק און וועה, אין פיין און פרייד דיך ליעב איך.
הייסער, ווי ס׳ליעבט א מוטער, אין איהר שוים

איהר ערשט קינד האַלטענדיג, דיך ליעב איך לאַלאַדזשע.
קיין הייליגערער פייער ניט געברענט האָט
אין ערגעץ, ווי דער פייער, וואָס איצט ברענט
טיף אין מיין זעל פאַר דיר. צי ליעב איך דיך?
(שטעלט זיך אויף)
אויך פאַר דיין וועה דיך ליעב איך, אויך פאַר דעם.

לאַלאַדזשע

דו זעהסט מיך שטאָלצער גראַף, און דו פאַרגעסט
אַז זיך! ווי קען דען אין דיין פאַטער'ס זאַלען,
געפינען זיך מיט פרויען אומבאַפלעקטע
אַזאַ ווי איך, אַזאַ ערנידעריגטע?
דיין פרוי מיט אַ עראינערונג באַפלעקטער!
ווי קען איך מיין פאַרלעצטען נאָמען שטעלען
אינמיטען פון דיין פאַטערליכען הויז
און פון דיין רוהם?

פּאָליציאַן

אַ רעד מעהר ניט פון רוהם!
איך האַס, פאַראַכט דאָס וואָרט און שוידער אויף
ביים נישטיגען און לערען קלאַנג. ביזטו דען
ניט לאַלאַדזשע, און איך פּאָליציאַן?
ליעב איך דיך דען ניט, און ביזטו ניט שעהן?
וואָס דאַרף מען מעהר? רוהם? רעד ניט מעהר פון רוהם.

בײ אלץ, װאס איז א הײליגטום בײ מיר,
װאס כ'װינש אויף דר'ערד, אויף װאס איך האף אין הימעל,
קײן מאט װעט זיכער מיר מעהר רוהם ניט ברענגען,
װי דיר צוליעב פאראכטען יענעם רוהם,
איהם טרעטען מיט די פיס. װאס מאכט דאס אויס,
װאס מאכט דאס אויס, מײן ליעבסטע לאלאדזשע,
װען מיר אהן עהרע װעלען זײן פארגעסען,
אין שטויב ארונטערלאזען זיך צוזאמען?
צוזאמען אונטערגעהן — און אפשר דאן . . .

ל א ל א ד ז ש ע

װאס שװײגסטו שטיל, פאליציאן?

פ א ל י צ י א ן

און דאן
צוזאמען װידער אויפשטעהן פון די טויטע
און שװעבען דורך די שטילע שטערן רוימען
און אלץ . . .

ל א ל א ה ז ש ע

װאס שװײגסטו שטיל, פאליציאן?

פ א ל י צ י א ן

און אלץ צ ו ז א מ ע ן, שטענדיג אלץ צ ו ז א מ ע ן.

לאַלאַדזשע

גראַף לייסטער, יע, דו ליעבסט מיך כ'פיהל דאָס,
אין טיפסטע הארצען פיהל איך, אז דו ליעבסט מיך.

פאַליציאַן

אַ ליעבע לאַלאַדזשע!
(וואַרפט זיך אויף די קניה)
און ליעבסטו מיך?

לאַלאַדזשע

שטיל, שוויינ! מיר דוכט זיך, כ'האָב אין פינסטערען שאָטע'
פון יענע בוימער אַ געשטאַלט פאַרבייגעהן
געזעהן, געשפּענסטיג, לאַנגזאַם, פייערליך,
גלייך ווי געוויסען פייערליך און פינסטער.
(געהט אָפּ אַ פּאָר טריט און קומט צוריק)
אַ טעות. ס'איז געווען אַ גרויסער צווייג,
באַוועגט פון הערבסט'גען ווינט. פּאַליציאַן!

פאַליציאַן

מיין לאַלאַדזשע, מיין ליעבע, וואָס באַוועגט דיך?
וואָס ווערסטו בלייך? עס דאַרף ניט דאָס געוויסען,
נאָך וויינינער אַ שאָטען פון געוויסען,
אונזער באַשלוס ניט ענדערען. דאָך די נאַכט לופט
איז קיהל, און יענע טרויעריגע צווייגען
פאַרשפּרייטען פינסטערניש.

ל א ל א ד ז ש ע

פאליציאן!

דו רעדסט פון ליעבע איצט. קענסטו דאס לאנד,
וואס יעדע צונג דערמאנט, וואס דורך א נס
א געגועזער האט ענטדעקט ניט לאנג
א טויזענט מייל'ען אין דעם גאלד'נעם וועסט?
א צויבערלאנד מיט בלומען, פרוכטען, זונשיין,
קריסטאלענע ימים, הימעל־הויכע וועלדער
און בערג מיט פעלזען־טורעמס, ארום וועלכע
די ווינטען רוישען, וועמעס לופט צו אטמען
ברייגגט פרייהייט אונז און גליק?

פ א ל י צ י א ן

א ווילסטו, ליעבע,
מיט מיר אנטלויפען אין אזא גן־עדן,
מיין לאלאדזשע, און יעדע זארג פארגעסען
און יעדען פיין, און ערגאס אליין זאל זיין אונז?
און לעבען וועט זיין מיינס, ווייל איך וועל לעבען
פאר דיר, אין דיינע אויגען און דו וועסט
ניט טרויערען מעהר, נאר פריידען שטראליגע
אויף דיר דאן וועלעןווארטען, און די האפנונג
וועט שטענדיג זיין מיט דיר, און איך וועל קניהען
און צו דיר בעטען, רופען דיך מיין ליעבע,

מיין אייג'נע, שעהנע ליעבע און מיין פרוי,
מיין אלץ! א ווילסטו, ליעבע לאַלאַדזשע,
אהין מיט מיר ?...

לאַלאַדזשע
נאָך עפּעס מוז מען טאָן, —
קאסטיליאַנע לעבט...

פּאָליציאַן
און שטאַרבען זאָל ער. (געהט אַרויס).

לאַלאַדזשע (נאָך אַ פּאוזע)
און — שטאַרבען — זאָל — ער! — אך! קאסטיליאַנע?
ווער האָט דאָס דען געזאָגט? וואו בין איך דען?
ווי? וואָס האָט ער געזאָגט? פּאָליציאַן?
דו ביזט נאָך ניט אוועקגעגאַנגען דאָך!
איך פיהל, דו ביזט נאָך דאָ, דו וואָגסט ניט קוקען,
איך זאָל דיך ניט דערזעהן, האָסט ניט געקענט
אוועקגעהן מיט אַזעלכע ווערטער, — רייד צו מיר!
אַ לאָז דיין שטים מיר הערען, — נאר איין וואָרט!
זאָג נאָר, אַז דו ביזט ניט אוועקגעגאַנגען,
זאָג נאָר דאָס איינס, אַז דו פאַראַכטעסט און האָסט
מיין פרויען שוואַכקייט. ביזט נאָך ניט אוועק,
אַ רייד צו מיר! איך וויים, וואָלסט ניט געגאַנגען.

איך וויים, דו וועסט ניט, קענסט ניט, ו ו א ג ס ט ניט געהן.
דו ו ו י ל ס ט ניט געהן, דו נאַרסט מיך, שפּאַטסט פון מיר!
איך האַלט דיך אַט אַזוי . . . ער איז ניטאָ!
ניטאָ, אַוועק. וואו בין איך? זעהר גוט?
אַזוי, זאָל שאַרף און זיכער זיין דער שניט.
אַזוי איז זעהר גוט! אַה וועה מיר, וועה מיר!

V

(פּאַרשטאָדט. פּאָליציאַן אַליין).

פּאָליציאַן

די שוואַכקייט איבערוועלטיגט מיך. מיר שווינדעלט,
כ'האָב מורא קראַנק צו ווערן. כ'דאַרף ניט שטאַרבן,
נאָך איידער כ'האָב געלעבט. האַלט אָפּ דיין האַנט,
דו פינסטערער אַזראַעל, דו פירשט פון נאַכט
און טויט! ערבאַרם דיך איבער מיר און לאָז ניט
מיר שטאַרבן אין אַ נייער האָפנונג'ס פריהלינג!
לאָז מיר נאָך לעבן, נאָך אַ קליינע וויַיל.
איך בעט ערבאַרמונג איצט, און דאָך האָב איך
ניט לאַנג צוריק געבעטן נאָר דעם טויט.
(באַלדאַצאַר קומט אַריין)
וואָס זאָגט דער גראַף?

באַלדאַצאַר

ער וויים ניט פון קיין שטרייט
צווישען פּאָליציאַן און איהם, דעריבער
קען ער ניט אָננעמען די פּאָדערונג.

פאליציאן
וואס איז דער ענטפער, וואס דו האסט געבראכט מיר?
פיהלסטו דעם דופט, וואס קומט פון יענעביידלאך?
האסטו געזעהן נאך אזא שעהנעם טאג,
אדער וואס איז איטאליען מעהר ווערט?
איז וואס, מיין פריינד, האט דיר געזאגט דער גראף?

באלדאצאר
אז ער, קאסטיליאנע, וויים גאר נים
פון אורזאכען פאר פיינדשאפט אדער שטרייט,
וואס שטעהען צווישען איהם און אייער לארדשאפט,
און נעמט די פאדערונג נים אן.

פאליציאן
ס'איז ריכטיג,
דאס אלץ איז ריכטיג, ווען האסטו געזעהן
אין דעם אונפריינדליכען און קאלטען ענגלאנד,
וואס דא נים לאנג פארלאזען האבען מיר,
א הימעל קלאר ווי דער, אינגאנצען פריי
פון יעדען פלעק. — און וואס האט ער געזאגט?

באלדאצאר
נים מעהר, מיין הערר, ווי וואס כ'האב אייך געזאגט:
קאסטיליאנע וויל מים אייך נים פעכטען,
ער האט מים אייך קיין שטרייט נים.

פ א ל י צ י א ן

דאָס איז ריכטיג,
דאָס אַלץ איז ריכטיג. ביזט מיין פריינד, באַלדאַצאַר.
איך האָב דאָס ניט פאַרגעסען. קענסט מיר איצט
אַ דינסט ערפילען: געה צוריק און זאָג
צו יענעם מאַן, אַז איך, דער גראַף פון לייסטער,
רוף אַז איהם שורקע. כ'בעט דיך, זאָג איהם דאָס.
ער וועט אין דעם שוין גרונד גענוג געפינען
צו אַננעמען דעם קאַמף.

ב א ל ד א צ א ר

מיין לאָרד! מיין פריינד!

פ א ל י צ י א ן (אָן אַ זייט)

ס'איז ער. — ער קומט אַליין!
(הויך) דו ביזט גערעכט.
איך וויים דיין ראָט — ניט זאָגען דאָס דעם גראַף.
איך וועל מיך איבערלייגען, וועל ניט זאָגען.
איצט לאָז אַליין מיך, פריינד. עס קומט ווער אָן,
איך מוז מיט איהם באַזאָרגען דאָ געשעפטען
פריוואַטע.

ב א ל ד א צ א ר

כ'געה. און מאָרגען טרעפען מיר זיך
אין וואַטיקאַן, מיין פריינד.

פ א ל י צ י א ן

איז וואטיקאן.

(באלדאצאר געהט אַרויס. עס קומט אַריין קאסטיליאַנע).

ק א ס ט י ל י אַ נ ע

דער גראף פון לייסטער דאַ!

פ אַ ל י צ י א ן

איך בין דער גראף
פון לייסטער, און דו זעהסט דאך, איך בין דאַ.

ק א ס ט י ל י אַ נ ע

מיין גראף, אַ זונדערבארער טעות אַדער
אַ מיספארשטענדניס איז דאַ צווישען אונז.
איך צווייפעל ניט אין דעם. און אין דיין צאָרן
האסטו געשריבען מיר אַזעלכע ווערטער,
וואס איך האָב ניט פארשטאַנען. און באלדאצאר,
הערצאָג פון סוירי, איז דער איבערברייננגער
געווען. איך קען קיין זאך זיך ניט דערמאָנען,
וואס זאל די אורזאך זיין פאר אַזאַ האנדלונג.
איך האָב דיך ניט באליידיגט. בין איך ניט
גערעכט? אַ טעות קען ביי אַלעמען טרעפען.

פ אַ ל י צ י א ן

ציה, שורקע, ס׳שווערד און הער אויף פלוידערען!

קאַסטיליאַנע

ציהען? און שורקע? כ'בין גרייט, שטאָלצער גראַף!
(ציהט זיין שווערד)

פּאַליציאַן (ציהט אויך זיין שווערד)

צו אַ פּריצייטיגען אונטערגאַנג און קבר
געווייהט זיי אין דעם נאָמען פון לאַלאַדזשע!

קאַסטיליאַנע (לאָזט פאַלען זיין שווערד און טרעט אָפּ צוריק
צום עק פון דער ביהנע)

אין נאָמען פון לאַלאַדזשע? אַ האַלט אָפּ
דיין הייליגע האַנט! צוריק, צוריק, זאָג איך!
איך וועל מיט דיר ניט פעכטען, אַ איך וואָג ניט.

פּאַליציאַן

דו ווילסט מיט מיר ניט פעכטען, זאָגסטו, גראַף?
ווילסט מיך צום נאַרען מאַכען? — זעהר גוט!
דו האָסט געזאָגט, דו וואָגסט ניט?

ק א ס ט י ל י א נ ע

נייז, איך וואג ניט.
האלט אפ דיין האנט! מיט דעם באליעבטען נאמען
אויף דיינע ליפען וואג איך דאס ניט טאן.
איך קען ניט, וואג דאס ניט.

פ א ל י צ י א ן

ביי אלץ, וואס הייליג
איז מיר, איך גלויב דיר, פייגלינג! יע, איך גלויב דיר!

ק א ס ט י ל י א נ ע

וואס? פייגלינג? נייז, דאס קען ניט, וועט ניט געהן!
(כאפט זיין שווערד און געהט מיט וואקלענדע טריט צו פאליציאן.
ענדערט זיין אבזיכט, איידער ער דערגרייכט איהם, און פאלט דעם גראף
צו די פיס).

מיין הערה, גערעכט זייט איהר. איז אזא פאל
בין איך א פייגלינג. א ערבארעמט אייך!

פ א ל י צ י א ן (ווייכער)

אך, יע, איך האב אויף דיר רחמנות איצט.

ק אָ ס ט י ל י אַ נ ע

און אויף לאַלאַרזשע.

פ אָ ל י צ י אָ ן

שופט, שטעה אויף און שטאַרב!

ק אָ ס ט י ל י אַ נ ע

ניין, ניין, אויף מיינע קניה דו לאָז מיך שטאַרבען.
כ'וויל שטאַרבען אין ערנידריגונג אַזוי
איך וועל אין קאַמף ניט אויפהויבען מיין האַנט
אויף דיר, אַ גראַף פון לייסטער. הויב דיין שווערד!
(ענטבלויזט זיין ברוסט)
דיין שווערד קיין ווידערשטאַנד וועט ניט באַגעגנען.
איך וויל מיט דיר ניט פעכטען!

פ אָ ל י צ י אָ ן

טויט און גיהנם!
האָב איך ניט דעם פאַרלאַנג דיין וואונש צו טאָן?
נאַר הער מיך אויס: דו וועסט נאָך ניט אַנטלויפען.

דו ווערסט פון מיר באליידיגט ווערען אפען,
פאר אלע בירגער אפען אין די גאסען.
כ'וועל ווי א מלאך פון נקמה דיך
נאכפאלגען ביז צום טויט. פאר דיינע ליעבע
און פאר דעם גאנצען רוים וועל איך דיך טאדלען.
ביזט פ י י ג, דו ו ו י ל ס ט ניט, וואגסט מיט מיר ניט
פעכטען ?

דו ליינסט! איך וועל דיך צ װ י נ ג ע ן!
(געהט אוועק)

ק א ס ט י ל י א נ ע

ס'איז גערעכט!
גערעכטע שטראף! דאס איז דאך גאט'ס נקמה!

1835—1836

1827—1833

סאָנעט — צו דער וויסענשאַפט

אָ, וויסענשאַפט! טריי קינד פון אַלטער צייט!
דיין שמאַלער בליק פאַרענדערט יעדע זאַך.
דו רויב־פויגעל, טעמפּ איז דיין ווירקליכקייט.
וואָס האַלטסטו אויף דעם דיכטער׳ס האַרץ דיין וואַך?
ווי זאָל ער ליעבען דיך, דו קינד פון צייט,
ווען דו פאַרפּאַלנסט איהם אין זיין וואַנדערונג
נאָך אוצרות אין דער שטערענדיגער ווייט,
פאַרגינסט ניט זיין געוואַגטע אַדלער שוואונג?
האָסטו דען ניט די ליעבסטע פון געטינען
פאַרטריבען? און געצוואונגען די דריאַדען
אויף אַנד׳רע שטערען שוץ זיך צו געפינען?
און פון דעם שטראָם פאַרטריבען די נאַיאַדען,
פון גראָז די עלפען, און דעם זומער־טרוים
פון מיר אונטער אַ טאַמאַרינדען בוים?

1829

צו העלענא

(מרס. סטענארד)

העלענא, ס'איז דיין הערליכקייט
וויַ יענע שיפלאך אויפ'ן מער,
וואס טראגען פון דער גאלד'נער ווייט
דעם מידען, מאטען וואנדערער
אהיים צום לעצטען ווידערקער.

כ'האב רוה, נאיאד, געהאט ווען קוים,
איצט פון דיין קלאסישען געזיכט
און היאצינטענע האר אהיים
ווער איך געפיהרט צו גריכענלאנד'ס ליכט
און צו דער הערליכקייט פון רוים.

אין ראהם פון פענסטער־ניש דיך שטעהן
זעה איך מיט אכאט לאמפ אין האנט.
ביזט שעהן, ביזט ווי א בילד פון שטיין!
פסיכעע, ווי דיין לאנד איז שעהן!
ס'איז הייליג לאנד.

1831

אינהאַלט

עסעיען

זייט

דער גרונד פרינציפ אין פאָעזיע — — — — — — — — — — — 7

די פילאָסאָפיע פון קאָמפּאָזיציאָן — — — — — — — — — 37

שוויינען — א פאבעל — — — — — — — — — — — — — 55

שאָטען — א פאַראַבעל — — — — — — — — — — — — 60

דער פעיען אינזעל — — — — — — — — — — — — — 64

ליעדער

1833 — 1849

דער ראָב — — — — — — — — — — — — — — — — — 3

די גלאָקען — — — — — — — — — — — — — — — 10

צו העלענא (מרס. ס. ה. ווהיטמאַן) — — — — — — — 16

אנאבעל ליע — — — — — — — — — — — — — — — 20

זייט

צו פ. — — — — — — — — — — — — — — — — 23

צו פרענסים ס. אָסגוד — — — — — — — — — — — 24

צו מ. ל. ס. — — — — — — — — — — — — — — 27

צו (מאריע לואיז) — — — — — — — — — — — — 28

צו דער וואָס איז אין גן ערן — — — — — — — — — 30

דאָס קאָליזעאום — — — — — — — — — — — — 32

דער פּאָר'כשופ'טער פּאַלאַץ — — — — — — — — — 35

דער וואָרים דער עראָבערער — — — — — — — — — 38

שווייגען — — — — — — — — — — — — — — 41

אַ הימן — — — — — — — — — — — — — — — 42

סעצענען פון פּאָליציאַן— — — — — — — — — — 3—40

1827 — 1833

סאָנעט — צו דער וויסענשאַפט — — — — — — — — 3

צו העלענא (מרס. סטענארד) — — — — — — — — 4